**בס"ד** / שנה ו' / פרשת ויק"פ / נומער 305

**אמעריקע אין מלחמה מיט איראן**
וועלטליכע נייעס

**שטעטל עקספא**
עירנו

**אויפן בארג מיט די פאלשע פיס**
משה ארי' שניצלער

# ששה מי יודע

## זעקס יאר פון קאראנע ווירוס

די באהאלטענע ישיבה אין יענע צייט | **מסירות נפש פאר מקוה** | חתונות אינטער שלאס און ריגל | **קאראנע מיט א ברסלב'ע בליק** | הערט ערשמאליגע עפיזאדן פון **מו"ה לייב ראטה הי"ו** וואס האט מיטגעלעבט יעדן טאג אין ישיבה אין יענע אנגעצויגענע טעג, וואכן און חדשים.
**די עצה פאר קאראנע איז אמונה**

## חזק חזק ונתחזק

מען זעט קלאר אז דער וואס לערנט יעדן טאג חומש מיטן תרגום, דער וואס לאזט נישט נישט נארן, ער טוט וואס צדיקים זאגן, ער איז מעביר סדרה יעדן טאג - דער ענדיגט וואך נאך וואך די פרשה אזוי ווי די הלכה איז.
**עצתו אמונה פרשת ויקהל פקודי תשפ"ו**



## פורים תשפ"ו אין היכל הקודש

בס"ד

פרשת ויקהל פקודי
תשפ"ו

**נומער**
**305**

שנה ו'


| | |
|---|---|
| **06** | עידנו |
| **10** | קהילה נייעס |
| **11** | א ווארט צווי |
| **12** | וועלטליכע נייעס |
| **15** | אלט און אלעמען |
| **16** | בריוו פון ראש ישיבה |
| **18** | פשרה'לאז |
| **20** | מעשה פון א צדיק |
| **22** | היכל הלכה |
| **26** | מעשיות פון תפילה |
| **32** | 6 יאר פון קאראנע |
| **40** | געשעעניש |



















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העסקעס, משה אהרן שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס..

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
**ארץ ישראל:** 053.315.6938




Men & boys shoes | We accept shoe vouchers

845.662.8423 יואל וועבערמאן

73 Huschke Rd, Liberty, NY 12747

UPPER SHOES

EST 2023

*sruliHeskel

בעזהשי"ת

# מסיבה השנתי

רענט קאמפיין
מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב

## עס איז אונז א גרויס כבוד אייך איינצולאדענען צום רייכן פראגראם

# מסיבת הכרת הטוב

# סעודת ראש חודש

ולמסגרת מאורעש 19 אינעם פראכטפולן פאל

# עטרת מייזעלס

6 YD Goldberger Dr, Monroe, NY 10950

פתיחת שערים - מנחה **8:00**

הרה"ג דומ"ץ דקהילתינו שליט"א **8:30**

מו"ה ישראל מיכל ראפאפארט הי"ו **9:00**

מורינו ראש הישיבה שליט"א **10:30**

ברכת המזון **11:30**

מיר ווארטן אייך פערזענליך צו באגריסן: שבתי מארקוס - אשר בער איינדארסקי

פיי מוחל און
ענטפער מיר א
תירוץ

סופרייז
פראגראם

ספעציעלע
מתנה פאר אלע
באטייליגטע

*sruliHeskel

# אידנו

## ברסלב'ע עקספא

מיטן אייבערשטנ'ס הילף גרייט זיך די קהילה צו מאכן א גרויסע עקספא פאר פרויען קליידונג בעפאר פסח, ווי אלע געשעפטן וועלן קענען קומען און פארשטעלן נייע קליידער און אלע צוגעהערן פאר פרויען און קינדער.

דער עקספא וועט פארקומען אי"ה דינסטאג פרשת ויקרא, אנדערש ווי די פארגאנגענע יארן ווען די עקספא איז אפגעהאלטן געווארן אין א קליינע פארמאט, וועט דאס יאר עס פארקומען אין די גרויסע זאל ביי די בנין המוסדות אויף 39 טשעסטנאט.

די נייע פלאץ וועט געבן די געלעגענהייט פאר אלע געשעפטן צו קענען ברענגן מער סחורה צום עקספא און אויך וועט אי"ה זיין מער פלאץ פאר קויפער צו קומען אינאיינעם מיט משפחה און פריינט קויפן מיט א רואיגקייט.

אזוי אויך וועלן די יאר זיין פילע געשעפטן פון אנשי שלומינו וואס וועלן קומען פון אנדערע געגנטער אינדרויסן פון שטעטל.

עס איז א גוטע געלעגענהייט פאר אלע געשעפטן פון שטעטל וואס ווילן געבן די געלעגענהייט פאר אלע נשות אנשי שלומינו צו קומען קויפן זייערע זאכן בעפאר פסח, אזוי אויך פאר די פרויען איז עס א גוטע געלעגנהייט צו זען אויף איינמאל וואס אלע געשעפטן האבן צו פארקויפן.

מיר בעטן אלע אנשי שלומינו זאלן נעמען אין באטראכט אז די עקספא איז א געלעגנהייט צו קענען מקיים זיין וואס דוד המלך האט געזאגט צו די חכמים "לכו והתפרנסו זה מזה", און שטיצן אנשי שלומינו.

מען קען זיין זיכער אז ביים עקספא וועט מען זיך איבערצייגן אז עס איז ביליגער צו קויפן ביי אנשי שלומינו ווי איידער גיין אנליין אדער זוכן מציאות אין אנדערע געשעפטן.

***חייב אדם להיות שמח וטוב לב במועד הוא ובניו ואשתו ובני ביתו וכל הנלווים עליו - והנשים קונה להם בגדים ותכשיטין כפי ממונו.***

## נישט רעדן איבעריג

אזויווי אין די לעצטע צייט מאכן זיך אפט אנטיסעמיטיש געשטימטע פערזאנען וואס קומען אן אין אידישע געגנטער און הייבן אן פרעגן שאלות, און פאדערן ענטפערס אויף געוויסע זאכן וויאזוי מיר פירן זיך, איז זייער וויכטיג נישט צו ענטפערן קיין שום שאלה צו סיי וועלכע מענטש מען קען נישט.

אפילו אויב מען מיינט אז מען קען ענטפערן און אז מען גייט מסביר זיין, איז וויכטיג צו געדענקן אז יעדער יחיד רעפרעזענטירט די גאנצע קהילה. און מען זאל גארנישט זאגן פאר קיינעם.

לויטן געזעץ איז מען נישט מחיוב צו ענטפערן פאר קיינעם קיין שום שאלה וואס מען פרעגט, אפילו נישט פאר א פאליציי אפיציר. כל שכן פאר סיי ווער ס'קומט פרעגן שאלות.

אזוי אויך איז וויכטיג צו וויסן און איבערגעבן אינדערהיים, אז עס איז זייער נישט ראטזאם צו רעדן צו וועלכע שטאטישע איינגעשטעלטער אין סיי וועלכע אפיס איבעריגע רייד.

אפילו ווען מען דארף רעדן איבער א וויכטיגע נושא און מען זוכט צו מאכן א לייכטע שמועס, איז וויכטיג נישט סתם צו רעדן ווער עס האט געהאט א קינד אדער ווער עס האט זיך משדך געווען מיט וועם און אזוי ווייטער.

די וואס הערן אויס און פרעגן שאלות, אפילו זיי רעדן שיין, זענען נישט אינטערעסירט אין אונזערע שמחות. עס קען ארויסקומען גרויסע פראבלעמען ווען מען האנדלט מיט די שטאטישע אפיסעס און זיי הערן אז איינער האט צום ביישפיל געהאט א קינד און נישט גלייך ארייגערופן אפדעיטן די פיילס וכו', ואין כאן המקום להאריך.

## טויזנט ווערטער




**מען שרייבט אראפ די פאולס אינעם נייעם געגענט פארן נייעם עירוב בשעת אינדרויסן איז דא הויכע שניי**

## מודעות והערות

### די עירוב אינעם נייעם געגענט

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האט די הנהלה אנגעהויבן ארבעטן צו בויען אן עירוב אין די נייע געגנט אין שטעטל.

מו"ה בנציון יאקאבאוויטש נ"י און מו"ה שלום יוסף ניישטיין נ"י האבן אנגעהויבן ארומגיין אין די געגנט אראפצושרייבן די נומערן פון די עלעקטריק פאולס וואס מען וועט נוצן פאר די עירוב, צו קענען באקומען פון די יוטיליטי קאמפעניס רשות צו קענען נוצן די פאולס, אזוי אויך צו קענען באקומען די נויטיגע פערמיטס צו קענען פאקטיש אנהייבן מאכן דעם עירוב.

## באתכם לשלום

**ביי דעם געלעגענהייט ווילן מיר הערצליך וואונטשן ברכות לרוב פאר אונזער אלעמען באליבטער חבר**

# מו"ה בניהו אונגאר הי"ו

### וזוגתו צפורה תחי'

**וואס האבן זיך אוועקגעצויגן פון שטעטל**

## קרית ברסלב ליבערטי

**דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיי זיין א ישוב טוב דארט וואו זיי ציען זיך אריבער, זיי זאלן האבן הצלחה וברכה בכל מעשי ידיהם, און קענען אויפציען די קינדער צו תורה ויראת שמים.**



# פון הא
# לחמא
# עניא
# ביז גא
# ישראל!



פאראיאר האבן מיר פארטיילט ב"ה:
איבער 100 טויזנט שקלים!

**העלפט אונז קענען פארטיילן היי יאר דאפלט!**

| | |
|---|---|
| זכות החלוקה | 00 |
| זכות שטאט | 10x |

זכות משפחה גדולה $1,000 | זכות משפחה $500 | זכות

נדרים פלוס nedar.im/7017273

ע"ש יעזורו - קמחא דפסחא - היכל הקודש

מו"ה אהרן שלעזינגער הי"ו 65893

נעמט א חלק

*sruliHeskel

קאמפיין
תשפ"ו






# קמחא דפסחא

יו"ט מיט הרחבת הדעת
פאר אנ"ש בארה"ק
שע"י **"יעזורו"**

$10,00

3 נמכר $3600

$180 בחלוקה

KD13 פעי

+97253316

אין אמעריקע קען
איבערגעבן נתינות פאר:
**מו"ה יהושע רבינאוויטש הי"ו**
718-306-4552

# קהילה נייעס

נייעס'לעך און אנטוויקלונגען
אינערהאלב קהילת היכל
הקודש ברסלב

**גרשון קרעמער**



## הערליכער נייער גליון "בחור'ל" ערשינען

א פרישע אור איז אראפגעקומען אויף דער וועלט, מיט'ן ערשיינונג פונעם גליון "בחור'ל", וואס דער נאמען אליינס זאגט שוין אלעס: א גליון געווידמעט פאר בחורים, איבער זייערע שאלות און נסיונות.

דער גליון ווערט ארויסגעגעבן דורך א אינגערמאן פון אנשי שלומינו, וואס לייגט אריין אסאך צייט און מיה אויסצוקלייבן און מסדר זיין תוכן ספעציעל צוגעפאסט פאר בחורים, בריוו פון הדרכה, ענטפערס אויף שאלות וואס מאכן זיך ביי בחורים, חיזוק און הדרכה וויאזוי אויסצונוצן די וויכטיגע תקופה אין לעבן. אלעס ווערט צוגעגרייט שיין, געשמאק און מסודר, אז עס זאל רעדן צום הארץ.

דער הייליגער רבי איז אן אור וואס דער אייבערשטער האט אראפגעשיקט מיט איבער צוויי הונדערט יאר צוריק, וואס רעדט צו יעדן איד באשר הוא שם. זאל עס זיין דער גרויסער בעל מדריגה וואס לעבט פיר און צוואנציג שעה מיט'ן אייבערשטן, דער הייליגער רבי ווייזט אים וויאזוי ער קען זיין אן ערליכער איד, ער זאל נישט פארגעסן וואס דער עיקר ציל איז, ער זאל נישט דינען זיך אדער זיינע ארומיגע, ער זאל אויסנוצן זיינע כחות און טאלאנטן צו דינען דעם אייבערשטן. אין די זעלבע צייט האט דער רבי א שפראך צו איינעם וואס שפירט זיך דערנידערט, ער שפירט נישט ווי ער האט א פלאץ אויף דער וועלט, ער ווייסט נישט פארוואס ער שטייט אויף און פארוואס ער גייט שלאפן.

דער רבי ווייזט אים אויף אז דער אייבערשטער דארף אים, טאקע אזוי ווי ער זעט אויס. לייג תפילין, היט שבת, רעד א ווארט צום אייבערשטן, לערן א פרק משניות, וועסט שוין וויסן וואס דו זוכסט אויף דער וועלט.

מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן אז זיין עיקר שליחות אויף דער וועלט איז מחזק זיין בחורים, ווייל קיינער פארשטייט נישט די נסיונות וואס א בחור גייט דורך. מען קען אים גרינג אוועקמאכן: "זעץ דיך לערנען און דריי נישט קיין קאפ". אבער א בחור דארף וואס זאל אים פארשטיין און אים ווייזן די וועג וויאזוי צו נוצן זיינע כחות אין די טייערע יארן, אז זיי זאלן אים אויפבויען און צוגרייטן צו לעבן אויף א געזונטע און ערליכע וועג.

דער ראש ישיבה שליט"א גייט ווייטער אויף דעם וועג. ער געבט זיך איינגאנצן אוועק פאר די טייערע בחורים, די רעזולטאטן רעדן אליין: טויזנטער תלמידים לעבן היינט א לעבן פון ישוב הדעת און אמונה. א טייל האבן געלערנט אין ישיבה בפועל, אנדערע האבן געלעבט דערמיט פון דערווייטערנס דורך לערנען די בריוו און הערן שיעורים. היינט זענען זיי בעלי בתים, מלמדים אדער ארבעטער, אבער וויאזוי עס זאל נישט זיין - לעבן זיי א לעבן מיטן אייבערשטן, שמחת המצוות, שיעורים קבועים און א ריינע און קלארע אמונה.

דאס איז דער ציל פונעם נייעם גליון "בחור'ל": צו ברענגען די ליכטיגע עצות און הדרכה צו יעדן בחור, וואו נאר ער געפינט זיך. לאקאל אדער אויסלאנד, אין ישיבה אדער אינדערהיים, יעדער בחור קען עפענען דעם גליון און געפינען דארט א ווארט וואס רעדט צו אים פערזענליך.

***בחור'ל חזק ואמץ***

# א ווארט צווייל

זאגן וואס
פארדינען
שטערכלער

**• בערל שניצלער**

שיקט אריין אייער ווארט צוויי צו avorttzvei@bletelmagazine.com

## ווער ס'ווייסט פון מיר וואס דארף ער פאסטן

אויב נישט די יאר פורים וועט עס זיין פאר קומענדיגע יאר: "וצומו עלי ואל תאכלו ואל תשתו" שטייט אין די מגילה פארוואס האט מען געדארפט פאסטן, מיט תפילה והתבודדות וואלט מען געקענט מבטל זיין די גזירה אזוי ווי דער רבי לערנט אונז?

אבער מ'זעט אז אסתר האט געזאגט "כאשר אבדתי אבדתי", אויב גייט מען מיט דעם מענטעליטי פון יאוש אז איך בין שוין סיי ווי דענאך און איך בין שוין פארלוירן און וועל ווייטער זיין פארלוירן, דעמאלטס דארף מען פאסטן (עפ"י מה שכתב רבינו מקוצר רוח ומעבודה קשה)..

**– הרב אברהם משה הכהן שטראססער**

## שיריים פונעם ונהפוך הוא

איך האב זיך נשיט געקענט גלביין אז איך פאשריט' ואוס איך ליין! די אויסטערלעשיע כח פון א מח! די פארשרער זעענן מבסיר אז עס נשיט קיין חלויק וכלעלכ וועג די אתויות זנענן געשריבן. איין וכיגטיע כלל איז יא דא און דאס איז אז די עשרטע און לצעטע אות זאל זיין אין די רכיטיגע פאלץ. די אבירגיע איותות קנענן זיין אויסגעשמטו און דו ווסטעס עס נאך אלץ קנענע ליניען מיט נשיט ציפול שוועקירייטן. דאס איז ווייל די מח לנייט אפט נאר די אנייהב און די סוף פנועם ווראט און שטלעט עס אלניס צוואזם. וואודנרעליך! ניין? און איך האב אעלאלמ געניימט אז שרבין ריטכיג איז וויכטיג!! דאס איז א שרטעקע לוימד פרא'ן לעבן. אזוי אפט שפריט זיך אז אעלס איז פאדריידט און צעשיעמט. מען זעט נישט א ועוג אריוס פון די פרבאלעמען. עס זעט אויס ווי עס איז קע וולעט. אבער אויב מיר געדנענקען די עקירק... די אנייהב און דער סוף, דאס הייסט "הוא ראשון והוא ארחון. דער אייברעשטער איז די אהנייב און דער אייברעשטער איז די סוף, דאן קנענן מיר בס"ד לבען א קרלאע לבען! דער עקיר איז אז די אהייב און דער סוף איז אין רכיגטיע פלאץ! אניצשיוון ווען דער יצר הרע ווראפט אנוז אארפ, דראפן מיר זיך מזחק זיין און פרעיין אז מיר זעענן איידשע קנידער און מיר גייבלן אין באפעשער. מיר בייללן קרלא מיט אנוזער אנמוה. מען קען אנוז נשיט צעשיימען!...

**– מיין שיכור'ע פעניע**

## בספר חיים

דער ראש ישיבה האט אמאל געזאגט פאר א חתן: "קויף דיר א ביכל, איך גיי דיר יעדן טאג געבן אן אנס (ounce) שכל, זאלסט דאס אראפשרייבן; נאך אביס גייסט חתונה האבן, גייסט ארויסגיין פון ישיבה, די שכל פון ישיבה דארף מען מיטנעמען אין לעבן..."

**– ארכיוון**

## עין תחת עין

"ישועת השם כהרף עין", דעם אייבערשטנ'ס הילף קומט אין אן אויגן בליק, דאס מיינט, מיטן געבן א בלינק - א פארמאך די אויגן פון נישט קוקן שלעכטס - קומט די ישועה."

**– א הערליך שורה'לע**
**עצתו אמונה**

## מ'דארף שוין נישט קיין העלפ

"איינער האט געפרעגט אויב עס איז וויכטיג צו האבן פייער אינשורענס. דער ראש ישיבה האט נישט געמאכט קיין עסק דערפון, כאילו, מען מעג, מען קען, מען מוז נישט. אבער דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט: "דאס זאלסטו גוט געדענקען. מען ווערט נישט רייך מיט אינשורענס און מען ווערט נישט ארעם אן אינשורענס, געלט קומט פונעם אייבערשטן. דו הערסט?"...

**– שבת התוועדות מיט די בחורים**

דער ראש ישיבה האט געזאגט

# וועלטלעך



## אמעריקע אין מלחמה מיט איראן
## מיטן ציל אראפצואווארפן דעם רעזשים

נאכן אפרעכטן א פרייליכע שבת זכור, ווען מען האט זיך געפריידט מיטן הייליגן שבת און אויסגעמעקט דעם עמלק און מען האט ברוך השם נישט געהערט קיין נייעס, איז די היימישע וועלט אין חוץ לארץ געכאפט געווארן אין שאק מוצאי שבת קודש למספרם פעברואר 28, 2026 אז ס'האט אויסגעבראכן א היסטארישע מלחמה אינעם מיטל מזרח, ווען די פאראייניגטע שטאטן אינאיינעם מיט מדינת ישראל האבן דורכגעפירט א ריזיגע קאארדינירטע מיליטערישע אפעראציע קעגן איראן. די דאזיגע אטאקע איז געווען איינע פון די גרעסטע דירעקטע מיליטערישע קאנפליקטן צווישן אמעריקע און איראן אין די מאדערנע היסטאריע, און עס האט אנגעצינדן א ברייטע רעגיאנאלע מלחמה וואס האט אריינגעשלעפט פילע לענדער ארום דעם פערסישן גאלף.

די מלחמה האט זיך אנגעהויבן מיט א מאסיווע געמיינזאמע אפעראציע דורך אמעריקע און מדינת ישראל, צילנדיג די איראנער מיליטערישע פירערשאפט, די נוקלעארע אינפראסטרוקטור, און די מיסיל סיסטעמען. די קאמפיין, וואס האט לויט באריכטן אריינגענומען מער ווי 100 עראפלאנען, קרוז מיסילס, און סייבער אטאקעס, איז געווען אויסגעשטעלט צו צעקלאפן איראן'ס מיליטערישע קאמאנדא נעצן און חרוב מאכן זייער נוקלעארע פראגראם.

די אפעראציע איז געקומען נאכדעם וואס דער אמעריקאנער פרעזידענט דאנאלד טראמפ האט געגעבן די ענדגילטיגע באשטעטיגונג אום פעברואר 27. די ערשטע פאזעס האבן אריינגענומען סייבער אטאקעס און שטערונגען דורך סאטעליטן, מיט'ן ציל צו אפהאקן די איראנער קאמוניקאציע און פארטיידיגונג סיסטעמען, און גלייך דערנאך זענען געקומען כוואליעס פון לופט אטאקעס מיט פארגעשריטענע באמבארדיר עראפלאנען און וואפנס.

די אטאקעס האבן געטראפן צילן אין עטליכע הויפט שטעט אין איראן, אריינגערעכנט טעהראן, איספאהאן, קום, קאראדזש, און קערמאנשא, מיט א ספעציעלע דרוק אויף מיסיל באזעס, שפיאנאזש צענטערן, פארטן פאר די פלאטע, און קאמאנדא הויפטקווארטירן.

איינע פון די סאמע דראמאטישע מאמענטן ביי די ערשטע אטאקעס איז געווען ווען איראן'ס העכסטער פירער, עלי כאמענעי ימ"ש, איז עלימינירט געווארן אין אן אטאקע אויף זיין קאמפאונד אין טעהראן, צאזאמען מיט נאך בערך פופציג הויכראנגיגע חברה פון זיין קאבינעט, וואס זענען דאן געזיצן ביי א וויכטיגע זיצונג.

די אטענטאט אויפן העכסטן פירער פון דאס לאנד האט באלד אריינגעווארפן איראן אין א שווערע פירערשאפט קריזיס, און האט דראסטיש פארגרעסערט די קאנפליקט פון בלויז באגרעניצטע אטאקעס צו א פולשטענדיגע מלחמה אויף א ריזיגן פארנעם.

שוין פונעם ערשטן טאג פון די אטאקעס זענען געמאלדן געווארן פילע ציווילע קרבנות און א שרעקליכע חורבנות, ווען עטליכע געגנטער וואו מענטשן וואוינען און פובליק פלעצער זענען שטארק געשעדיגט געווארן.

איין באזונדערע שוידערליכע פאסירונג וואס האט ארויסגערופן א גרויסע שטורעם איז געווען ווען מיסילס האבן געטראפן א שולע אין מינאב, דרום איראן, וואו עס זענען באריכטעט געווארן

איבער 160 אומגעקומענע, רוב פון זיי יונגע סטודענטן.

בשעת וואס אינטערנאציאנאלע מענטשן-רעכט גרופעס און פארשידענע רעגירונגען האבן פארלאנגט מען זאל אויספארשן די מעשה, האבן אמעריקע און מדינת ישראל געטענה'ט אז זייערע אפעראציעס האבן נאר געצילט מיליטערישע אינפראסטרוקטור.

בלויז עטליכע שעה נאך די ערשטע אטאקעס, האט איראן צוריקגעשלאגן מיט מאסיווע נקמה-אטאקעס, נוצנדיג דראונס און באליסטישע מיסילס.

די דאזיגע אטאקעס האבן געצילט אמעריקאנער מיליטערישע באזעס און אנדערע לענדער איבערן מיטל מזרח וואס זענען אליאירט מיט זיי, אריינגערעכנט:

קאטאר

באכריין

קאוועיט

סאודי אראביע

די פאראייניגטע אראבישע עמיראטן

יארדאניע

בפרט האט מען געהערט מיט זארג אז זיי שיקן פילע מיסילס קיין ארץ הקודש, ווי עס זענען שוין ליידער באריכטעט געווארן אומגעקומענע און פארוואונדעטע.

הונדערטער דראונס און מיסילס זענען געשאסן געווארן צו די דאזיגע ערטער, אבער אסאך פון זיי זענען אפגעשטעלט געווארן דורך די ארטיגע לופט-שוץ סיסטעמען.

טייל פון די איראנער מיסילס זענען געפאלן נאנט צו אמעריקאנער אינסטאלעישאנס, ווי למשל די הויפטקווארטירן פון די אמעריקאנער באזע אין באכריין, בשעת אנדערע האבן געצילט לופט-באזעס און מיליטערישע פלעצער וואס די אמעריקאנער מיליטער נוצט איבערן גאנצן ראיאן.

די נקמה-אטאקעס האבן אויך געפירט צו פאטאלע פעלער און שאדנס אין עטליכע לענדער, וואס האט געצוואונגען פילע רעגירונגען צו אקטיוויזירן זייערע עמורדזשענסי פארטיידיגונגס-פלענער.

אין לויף פון בלויז עטליכע טעג האט זיך די מלחמה שטארק אויסגעברייטערט פיל מער ווי נאר צווישן איראן און די פאראייניגטע שטאטן, ווען באוואפנטע גרופעס וואס זענען פארבונדן מיט איראן האבן אנגעהויבן אטאקירן מדינת ישראל און מערב-וועלטע צילן איבערן גאנצן מיטל מזרח.

די חיזבאלא כוחות אין לבנון האבן אנגעהויבן שיסן ראקעטן אויף צפון ארץ ישראל, וואס האט צוריק אנגעצינדן די שלאכטן אויף די גרעניץ צווישן לבנון און מדינת ישראל. אין די זעלבע צייט האבן אנדערע מיליציעס וואס שטיצן איראן דורכגעפירט דראון אטאקעס אויף אמעריקאנער און אליאירטע מיליטערישע באזעס אין עטליכע לענדער.

די לופט-שיץ סיסטעמען איבער די גאלף ראיאן האבן מיט הצלחה אפגעשטעלט צענדליגער מיסילס וואס זענען געקומען צו פליען, בשעת די מיליטערישע באזעס זענען געשטעלט געווארן אויף א הויכע שטאפל פון גרייטקייט.

אין די ערשטע וואך פון דעם קאנפליקט האט זיך די לופט-קאמפיין שטארק פארשטארקערט. אמעריקאנער און מדינת ישראל כוחות האבן פארגעזעצט צו באמבארדירן איראנער מיליטערישע אינפראסטרוקטור, בשעת איראן האט נישט אויפגעהערט מיט אירע דראון און מיסיל אטאקעס.

די הויפט געשעענישן אין יענעם פעריאד האבן אריינגענומען:

איראנער אטאקעס אויף אמעריקאנער באזעס אין קוואוועיט און אנדערע גאלף לענדער.

דראון אטאקעס וואס האבן געשאדט פאר אינפראסטרוקטור אין באכריין.

מיסילס וואס זענען אפגעכאפט געווארן העכער יארדאניע.

כסדר'דיגע לופט אטאקעס אין טעהראן און אנדערע שטעט אין איראן.

אינצווישן זענען אויך ענערגיע צילן געווארן א טארגעט. מדינת ישראל אטאקעס האבן געטראפן איראנער אויל-סטאקן נעבן טעהראן, וואס האט פאראורזאכט ריזיגע פייערן און גרויסע שאדנס פאר די ארום.

די אטאקעס האבן ארויפגעברענגט גרויסע זארג איבער מעגליכע שטערונגען פאר די וועלט'ס אויל סופליי, ספעציעל נאך איראן'ס סטראשונקעס אז זיי וועלן פארשליסן די סטעיט און חורמוז, וואס איז א קריטישע רוט פאר די אינטערנאציאנאלע

# וועלטליך

וועלטליכע נייעס
מיט די ברסלב'ע
טעם

ענערגיע האנדל.

אלס רעזולטאט זענען די אויל פרייזן שטארק געשטיגן ווען די מלחמה האט זיך פארשטארקערט.

דאס אומברענגען דעם העכסטן פירער פון איראן האט תיכף ומיד איבערגעלאזט א ליידיג פלאץ אין די פירערשאפט. די איראנער אויטאריטעטן האבן דערנאך געמאלדן אז מ'האט אויסגעוועלט א נייעם פירער, אבער באריכטן צייגן אז ס'זענען פאראגעקומען אינערליכע קריגערייען און מחלוקת'ן אינערהאלב די רעגירונג און די רעוואלוציאנערע גווארדיע דורכאויס די צייט פון די איבערגאנג.

דער איראנער פרעזידענט, מאסוד פעזעשקיאן, האט פרובירט צו בארואיגן די אנגעצויגנקייט אין דעם ראיאן, מיטן צוזאגן אז ער וועט זיך צוריקהאלטן פון אטאקירן שכינות'דיגע לענדער, אויסער אויב די לענדער וועלן דינען אלס פלאטפארמעס ארויסצושיקן אטאקעס קעגן איראן.

טראץ די דאזיגע הבטחות, זענען די מיסיל אטאקעס און דראון אטאקעס ווייטער אנגעגאנגען איבער'ן גאנצן ראיאן.

די קאנפליקט האט זיך שנעל צעפלאקערט צו א גרויסע אינטערנאציאנאלע קריזיס.

כינע, רוסלאנד, און נאך עטליכע לענדער האבן פארדאמט די אטאקעס, (פארשטייט זיך אז די UN האט עס גאר שטארק פארדאמט...) ווארנענדיג אז פרוואוון צו טוישן די רעגירונג קען נאך מער שעדיגן די רואיגקייט אין דעם ראיאן.

אין די זעלבע צייט האבן די מערב-וועלט רעגירונגען זיך אנגעהויבן גרייטן אויף מעגליכע נקמה אקציעס פון איראנער פראקסיס אדער סייבער אטאקעס וואס צילן וויכטיגע אינפראסטרוקטור און זיכערהייט סיסטעמען.

טויזנטער ציווילע בירגער און פרעמדע איינוואוינער זענען עוואקואירט געווארן פונעם ראיאן ווען די קריג האט זיך פארשטארקערט.

פאר צענדליגער יארן האבן די צוויי לענדער זיך צוריקגעשלאגן אן א דירעקטע מלחמה, נאר ענדערש דורך סאנקציעס, סייבער אטאקעס, און פראקסי קריגערייען.

די אטאקעס פון די לעצטע וואך צוויי האבן געטוישט דעם גאנצן מצב, ווען מ'האט דירעקט ציל גענומען די איראנער פירערשאפט און די מיליטערישע אינפראסטרוקטור.

די מלחמה פארמאגט יעצט עטליכע הויפט סטראטעגישע צילן:

אפשטעלן איראן פון קענען דעוועלאפן נוקלעארע וואפנס.

אפשוואכן איראן'ס מיסיל און מיליטערישע כוחות.

אראפקלאפן איראן'ס השפעה איבער'ן גאנצן מיטל מזרח.

שיצן אמעריקע'ס אליאירטע און אירע מיליטערישע באזעס אין דעם ראיאן.

דערוויייל צילט איראן אפצוהאלטן ווייטערדיגע אטאקעס און צו ווייזן אז זיי האבן די מעגליכקייטן צו סטראשענען די אמעריקאנער כוחות און די וועלט'ס ענערגיע רוטעס.

אינעם יעצטיגן מצב איז זייער וויכטיג מ'זאל מתפלל זיין פאר אחינו בני ישראל תושבי ארץ הקודש, זיי זאלן ארויסגיין פון דעם שווערן מצב אן קיין שום שאדנס נישט בגוף און נישט בממון, אזוי אויך אז מען זאל נישט אריינפאלן אין קיין פארלוירנקייט. מען זאל געדענקען אז דער אייבערשטער פירט די וועלט, און ער היט אונז.

די צווייטע זאך איז וויכטיג, אז כאטש אלץ איז די נייעס זייער נישט גוט צו מיטהאלטן, עס קען אסאך שעדיגן, אבער בפרט אין אזא צייט ווען די נייעס שרייט פאניק און פארלוירנקייט, איז עס נאך וויכטיגער אוועקצושטיין פון זיין אריינגעטינקען און הערן וואס אלע מידיע פלאטפארמעס האבן צו זאגן און אנאליזן, אפילו די אידישע, כדי עס זאלן נישט פליען קיין באמבעס ביי אונז אין קאפ. מיר זאלן ווייטער אנגיין מיט אונזער עבודת ה', לערנען און דאווענען און זיך אפגעבן מיט אונזערע ווייבער און קינדער.

אין די יעצטיגע טעג פון חודש אדר וועלן מיר צולייגן א דאנק פאר'ן אייבערשטן פאר'ן אומברענגען דעם המן פון איראן בתוך שאר כל צוררי היהודים, און אים לויבן און דאנקען אויף די פילע נסים וואס פאסירט מיט אונז יעדע רגע און יעדע שעה, און מיר וועלן ווייטער מתפלל זיין אז ער זאל אפהיטן יעדן איד ברוחניות ובגשמיות.

***עזרי מעם השם עושה שמים וארץ***

# אלץ און אלעמען

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

alemen@bletelmagazine.com - 845-445-7447



## נאסע הענט

**שאלה**

וואס איז פשט אז ווען די הענט ווערן נאס ווערן זיי פארקנייטשט, אדער ווי קינדער רופן עס "באבע הענט"? איז דאס א גוטע זאך אדער א שלעכטע זאך? איז דא אן עצה צו פטור ווערן שנעל? יישר כח,

י. גליק

## ענטפער

דאס איז גאר א וואונדערליכע זאך וואס דער אייבערשטער האט באשאפן אינעם מענטש, אז די הויט ווערט ווי מען רופט עס "באבע הענט", נאכן זיין אין וואסער פאר א לענגערע צייט.

אמאל האט מען געמיינט אז די הויט ציט פשוט איין דאס וואסער און ווערט אביסל אויסגעצויגן, און דערפאר ווערט עס פארקנייטשט. אבער וויסנשאפטלער זאגן אז דאס איז גאר עפעס אנדערש. דאס איז א רעאקציע פון דער נערוון סיסטעם ווען די נערוון פילן אז די הויט איז נאס, שיקן זיי א סיגנאל צו די בלוט-אדערן אונטער דער הויט זיי זאלן זיך איינציען. דאס מאכט די הויט שיכטן אונטער דער אויבערפלאך אביסל קלענער, בשעת די אויבערשטע בלייבט די זעלבע גרויס, וואס איז גורם די קנייטשן אין דער הויט.

דאס וואס דו פרעגסט צי עס איז גוט אדער שלעכט, איך גלייב אז דו האסט נישט געטראכט פאר א רגע אז עס איז חלילה שלעכט, ווייל אלעס וואס דער אויבערשטער מאכט איז נאר גוטס. האסט מן הסתם געמיינט צו פרעגן צי עס שאדט אדער נישט. און אויך אויף דעם איז די ענטפער, ניין, עס שאדט בכלל נישט פאר א מענטש אז זיין הויט ווערט פארקנייטשט. אמת אז בשעת עס איז נאס, וועט עס נאך זיין אביסל האקל, און וועט גרינגער באקומען א קראץ, אבער דאס איז ממש נאר צייטווייליג, ביז עס טרוקנט זיך אויס.

אבער לאמיר אריינגיין אין די זאך, און זען די חסד פון אייבערשטן, וואס איז די טובה פון די קנייטשן, און וואס געבט עס אונז צו.

די קנייטשן העלפן א מענטש מען זאל בעסער קענען אנכאפן זאכן און זיי זאלן נישט אזוי שנעל גליטשן (גריפ) ווען די הויט איז נאס. די קנייטשן העלפן אז כאטש נאסקייט מאכט זאכן מער גליטשיג, וועט עס נישט זיין "אזוי" גליטשיג מיט די קנייטשן. די זעלבע זאך ביים גיין. מען וועט זיך נישט אזוי שנעל אויסגליטשן ביים גיין אויף א נאסן פלאר.

וויאזוי ווערט מען שנעל פטור דערפון? עס איז נישט קיין קרענק, און עס איז נישט קיין פראבלעם. אבער אויב ווילסטו שנעל צוריקברענגען די הויט צו איר נארמאלן שטייגער, קען מען נוצן די עצות: גוט אפטרוקענען, גיין אויף א ווארימען פלאץ, און לאזן לופט צוקומען.

פון יעדן פרט אין די בריאה קען מען זען די חסדים פון אייבערשטן. כאטש מיר פארשטייען גארנישט, און מיר האבן נישט די מינדסטע השגה וואס און פארוואס, קענען מיר אבער איבעראל טרעפן דעם אייבערשטן, און עס אויסנוצן אים צו דאנקען אויף יעדע זאך.

***כל עצמותי תאמרנה השם מי כמוך.***

# וועם איז מען מקבל שבת?



**בעזרת השם יתברך – יום ה׳ פרשת ויקהל פקודי, כ״ה אדר, שנת תשע״ז לפ״ק**

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב דערהאלטן דיין בריוו.

איך וועל דיר ענפערן אל ראשון ראשון ואל אחרון אחרון.

בנוגע וואס דער רבי זאגט (ספר המדות, אות בית, סימן יג): ״מִי שֶׁרוֹצֶה לְהִכָּנֵס לְבַיִת לָדוּר בְּתוֹכוֹ, יֹאמַר הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ, וְאַחַר כָּךְ יִכָּנֵס לָדוּר בְּתוֹכוֹ״, אז ווען מען ציעט זיך אריין אין א נייע הויז זאל מען קודם דורך זאגן די תורה, און נאכדעם זאל מען אריינגיין וואוינען דארט; קענסט זיך קודם אריין ציען, און במשך די ערשטע וואכן זאלסטו זען צו לערנען אין שטוב.

בנוגע וואס דוווילסט וויסן ביז ווען מען קען טון א מלאכה ערב שבת, און דו געבסט מיר דעם כבוד אז דער ראש ישיבה זאל זאגן פון ווען מען דארף היטן שבת; איך פארשטיי בכלל נישט וואס דו פרעגסט, וואסערע שאלה איז דאס בכלל?! פונעם זמן הדלקת הנרות טאר מען נישט טון קיין מלאכה, ווער רעדט נאך פונעם שקיעה איז דאך דא פוסקים וואס האלטן שוין אז עס איז בין השמשות, און אז מען טוט א מלאכה נאכן שקיעה איז מען שוין א ספק מחלל שבת, אנשטאט זאלסט מיר פרעגן: דער ראש ישיבה זאל מיר זאגן ווי פרי מיר זאלן מאכן שבת, א האלבע שעה פארן זמן? א שעה פארן זמן? פרעגסטו מיר צי דו קענסט מיקל זיין צו טון א מלאכה נאכן שקיעה?!

עס איז באוואוסט אז דער בעל שם טוב זי״ע און זיינע קינדער

א בריוו
פון דער
ראש ישיבה

**עצתו אמונה ויקהל פקודי תשע"ו**

און אייניקלעך, און אויך דער הייליגער רבי מיט זיינע הייליגע קינדער, פלעגן צינדן ליכט שוין צוויי שעה פארן זמן הדלקת הנרות, און זיי זענען געזעסן און אפגעווארט דעם שבת קודש; הלואי זאלסטו אויך מאכן ביי דיר אין שטוב אז מען זאל צינדן אביסל פריער און אפווארטן דעם הייליגן שבת. זאלסט זיך אוועק זעצן נעבן דיין ווייב ווען זי צינדט ליכט און זאלסט זאגן שיר השירים און נאך שיעורים וואס דו האסט, וועסטו זען אז עס וועט זיין אן אנדערע שבת.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן מב): "בָּנִים הַטּוֹבִים רְפוּאָה גְּדוֹלָה לָאָבוֹת", גוטע קינדער מאכן געזונט די עלטערן, און פארקערט אויך, שלעכטע קינדער מאכן קראנק די עלטערן רח"ל; ווען קינדער זעען א ווארעמע שטוב, און ווען עס קומט שבת זעען זיי ווי די מאמע צינדט די ליכט, און דער טאטע איז דארט און זאגט 'שיר השירים' אויפן קול, אזעלכע קינדער וואקסן אויף געזונט, און די קינדער וועלן זיין ערליכע אידן. די ווענט שרייען ארויס דא וואוינט אן ערליכע איד, אזוי ווי חז"ל זאגן (תענית יא.): "בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם וְקוֹרוֹת בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם מְעִידִים בּוֹ", די ווענט פונעם שטוב זאגן עדות וואס עס טוט זיך אין שטוב, די דאך שרייט ארויס וואס דא טוט זיך, אזוי ווי עס שטייט (חבקוק ב, יא): "כִּי אֶבֶן מִקִּיר תִּזְעָק, וְכָפִיס מֵעֵץ יַעֲנֶנָּה".

מען זעט אן אינטערעסאנטע זאך; מען האט גערוקט דעם זייגער אויף א שעה שפעטער, דער זמן הדלקת הנרות איז זייער שפעט, מיט א שיינע פאר שעה שפעטער פון ווינטער, דאך זעט מען די אלע עמי הארצים וואס קומען נישט אן ווינטער צום זמן די קומען נישט אן זומער אויך נישט.

און פון דעם האסטו א ראי', אז עס האט נישט צו טון צי מען ארבעט יא פרייטאג צי מען ארבעט נישט, נאר עס איז צעבראכנקייט; ווייל ווען א מענטש וואלט געוואוסט דאס גרויסקייט פון שבת, וואלט ער נישט געווען אזוי צעבראכן וכו'.

כל הכבוד פאר דיר אז דו שרייבסט מיר אז דו שרייסט נישט, און דו מאכסט זיכער אז דיין ווייב זאל קענען צינדן רואיג און פרייליך; זאלסטו זען אז דו זאלסט אויך זיין גרייט, און מקבל שבת זיין ווען דיין ווייב צינדט אן די שבת ליכט.

בנוגע אז דו ווילסט ... וכו', אודאי זאלסטו געבן פרנסה פאר חברים, דאס איז די גרעסטע צדקה, ווייל עס איז בדרך כבוד. יענער ארבעט און ער האט פרנסה, ער שעמט זיך נישט צו נעמען די געלט ווייל ער ארבעט פאר דעם, אפשר איז כדאי אז דו זאלסט רופן ... ער זאל דיר געבן א פרייז.

איך בין מתפלל פאר דיר און פאר דיין ווייב און קינדער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט האבן נחת פון דיין קינד, און אזוי ווייטער אויפשטעלן דורות ערליכע אידן.

פארגעס נאר נישט די אלע ניסים וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט דיר ביז אהער, און הער נישט אויף צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים וואס ער טוט מיט ענק, וועט איר זען נאך ניסים וואס דער אייבערשטער וועט מיט ענק טון.



# פשרה'לאך

**א י ן**

***קורצן פון פריער:*** *ר' יעקב יוסף הערמאן קומט אן קיין אמעריקע, טרעפט א גוט שידוך פון משפחת אנדראן.*

*זיין טיר איז געווען אפען פאר יעדן גאסט. אסאך גדולים זענען איינגעשטאנען ביי אים במשך די יארן ווי פארציילט די לעצטע פאר וואכן.*

***און יעצט ליינט ווייטער.***

ווען רבי יעקב יוסף איז אלט געווען דר°־און־דר°סיג יאָר, האָט ער אָנגעהויבן אסאך צו פאסטן, ממש יעדן טאָג.

רבי יעקב יוסף איז צוערשט אַריבער צו אַ דאָקטער און אויסגעשמועסט מיט אים וואָס איז וויכטיג פאַר ז°ן ערנערונג, כּדי ער זאָל וויסן אויף וואס "אויסצופאַסטן" יעדע נאַכט.

דער דאָקטער האָט אים געזאָגט אַז ער זאָל עסן קאַרבס, פּראָטעין, פעטנס און א°זן, און האָט עס פאַרצייכנט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר פאַר רבי יעקב יוסף.

רבי יעקב יוסף האָט זיך באַדאַנקט און געוואָלט באַצאָלן, אָבער דער דאָקטער, וועלכער האָט גוט געוואוסט מיט וועמען ער האַנדלט דאָ, האָט זיך צעשמייכלט און זיך אָפּגעזאָגט: "דאָס קאָסט נישט קיין געלט."

נאכן דורכטון די פּרטים האָט רבי יעקב יוסף באַשלאָסן אַז ז°ן מאָלצ°ט וועט פון הי°נט און וו°טער ז°ן יעדע נאכט אַ פושקע סאַרדינס, וואָס דאָס וועט צושטעלן די פּראָטעין מיט פעטס, און א באר פאר דעם א°זן, אַזוי אויך אַ ברויט מיט קאַווע, וואָס פאַרמאָגט די נויטיגע קאַרבס.

שבת און יום טוב, אַזוי אויך ראש חודש, האָט ער פאַרשטייט זיך נישט געפאסט. מרת הערמאַן האָט געטון אַלעס וואָס זי האָט געקענט צו פּרובירן אָפּצורעדן איר מאַן פון די נ°ע מנהגים, אָבער אָן ערפאָלג.

איינמאָל האָט זיך רבי יעקב יוסף אַרויסגעלאָזט אויף אַ ר°זע צוליב ביזנעס איבערן ים. ער האָט אויך געפּלאַנט זיך אָפּצושטעלן ב° ז°ן הייליגן רבי'ן, דער חפץ חיים זי"ע.

מרת הערמאן האט זיך דערוואוסט דערפון און האט זיך דעריבער פארבינדן מיט רבי שמואל גריינימאן, א תלמיד פונעם חפץ חיים, וואס איז דאן געווען צוגאסט ביי די הערמאנ'ס און אים זייער געבעטן אז ער זאל אפשיקן א בריוו צום חפץ חיים און אים בעטן אז ער זאל הייסן רבי יעקב יוסף זאל אויפהערן מיט די תעניתים.

ווען רבי יעקב יוסף איז אנגעקומען צום חפץ חיים, האט אים דער חפץ חיים געלאדנט צו א סעודה. רבי יעקב יוסף האט אבער געענטפערט, "היינט איז בה"ב." (א צייט ווען געוויסע זענען זיך נוהג צו פאסטן.)

שפעטער איז געקומען א תשובה פונעם חפץ חיים, ווי ער שרייבט אז ער האט איבערגערעדט דעם ענין מיט רבי יעקב יוסף, און דער צדיק שרייבט אז מען זאל אים אפלאזן דערוועגן.

מער האט מרת הערמאן נישט געשטערט איר מאן דערוועגן.

דאס פאסטן האט אים נישט געשאדט צום געזונט. יארן שפעטער, זייענדיג עלטער, איז ער אמאל געגאנגען צום דאקטער. דער דאקטער האט זיך



## 13 ת. מאנן

אויסגעדרוקט,
"מר. הערמאן איז א מוסטער פון איינעם אין דעם בעסטן געזונט צושטאנד!" ער האט שוין דאן געהאלטן נאכן פאסטן פינף-און-צוואנציג יאר!

יארן שפעטער, ווען רבי יעקב יוסף האט שוין געוואוינט אין ארץ הקודש, האט ער זיך איין טאג אויפגעוועקט מיט שרעקליכע יסורים. ווען עס איז אריבער א שטיק צייט און די יסורים האבן נישט נאכגעלאזט, איז ער געגאנגען צום דאקטער, וועלכער האט אים געזאגט אז די ווייטאגן קומען צוליב זיינע פילע פאסטן. דער דאקטער האט אים אנגעווארנט אז ער טאר מער נישט פאסטן. רבי יעקב יוסף האט אבער נישט געוואלט הערן דערפון.

דער דאקטער האט אים דאן דערציילט אז ער האט אמאל געהאט א פאל ווי מען האט אים גערופן צו אן אלטן חסידישן רבי, וועלכער איז געווען זייער נישט געזונט. "איך האב אים געדארפט מודיע זיין אז ער טאר נישט פאסטן יום כיפור. איך האב זייער מורא געהאט פון זיין רעאקציע," דערציילט דער דאקטער.

"איך האב זיך אנגעגארטלט מיט קוראזש און אים געזאגט, 'רבי, אייער שוואכע געזונט צווינגט מיר אלץ דאקטער אייך צו זאגן אז איר טארט בשום אופן נישט פאסטן דעם יום כיפור.'"

ווען
דער רבי האט דאס געהערט, איז ער אויפגעשפרונגען מיט אלע שוואכע כוחות און אנגעהויבן טאנצן, "הייליגער באשעפער! פאר איבער זיבעציג יאר האב איך דיר געדינט דורך פאסטן יום כיפור. יעצט וועל איך דיר דינען מיט עסן."

דער דאקטער האט גע'פועל'ט און רבי יעקב יוסף האט אויפגעהערט זיינע טעגליכע תעניתים.

יונגע שידוכים

מיינט נישט אז יונגע שידוכים איז א נייע "מאוומענט" (באוועגונג). ווען רבי יעקב יוסף'ס טאכטער אסתר איז אלט געווארן זעכצן יאר, האט רבי יעקב יוסף אנגעהויבן זארגן אז מען זאל שנעל א שידוך טון.

רבי יעקב יוסף האט שוין געהאלטן אן אויג אויף א טייערן בחור מיטן נאמען יום טוב ליפמאן שטערן. יום טוב ליפמאן'ס טאטע איז געווען פון די חשוב'ע תלמידים פונעם הייליגן חפץ חיים, וועלכער האט אים מחזק געווען און געגעבן די הסכמה אז ער זאל זיך ציען קיין אמעריקע. דער חפץ חיים פלעגט געוועגליך אפרעדן זיינע תלמידים פון פארן, אבער דא איז געווען אן אויסנאם פאל.

דער חפץ חיים האט אים אויסגעוועלט צו זיין דער משולח צו ברענגען געלט פאר די ישיבה.

דער
חפץ חיים האט נישט געהאלטן פון סתם צוזאמנעמען געלט, נאר ער פלעגט בעטן געלט און געבן א ספר (אזויווי ביי הפצה).

דער חפץ חיים האט מיטגעשיקט מיט רבי יוסף זיינע ספרים אז ער זאל זיי פארשפרייטן אין אמעריקע.

רבי יעקב יוסף האט אונטערגעשיקט א ידיד זאל אנטראגן דעם שידוך. הרב שטערן, וועלכער האט שוין געהערט פון רבי יעקב יוסף, האט זיך זייער צוגעכאפט דערצו.

קורץ דערויף איז אסתר א כלה געווארן. עס איז געווען זייער א פרייליכע און פילפארביגע תקופה ביי די הערמאן משפחה.

בשעת די מאמע מיט די טעכטער זענען געווען פארנומען מיט צוגרייטן, איז רבי יעקב אויך געווען זייער טעטיג. ער האט זיך געגרייט צו א חתונה. אבער א חתונה! אזוינס וואס ניו יארק האט נאכנישט געזען.

רבי יעקב יוסף האט זיך געיאגט צום דרוקער צו דרוקן די חתונה בריוולעך. ער האט אנידערגעלייגט א צעטל פארן דרוקער מיט דעם פונקטליכן לשון וואס ער וויל עס זאל געדרוקט ווערן.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# א מעשה פון א צדיק

## הערליכע שיינע מידות

אהרן קליטניק

דער הייליגער חידושי הרי"ם פון גור זכרונו לברכה האט געהאט גאר א געטרייער גבאי, שטענדיג פלעגט ער מאכן סדר צווישן די אידן וואס פלעגן וועלן אריינגיין צום רבי'ן, ער האט עס געמאכט אין א סדר אז ווער עס קומט פריער גייט אריין קודם.

איינמאל איז אנגעקומען אן אויפגערעגטער מענטש, און ער האט נישט געוואלט שטיין אין די שורה און ווארטן ביז עס קומט זיין רייע, נאר ער האט זיך גלייך געוואלט אריינכאפן אינעם רבי'נס צימער, אבער דער גבאי האט אים פרובירט אפצוהאלטן פון אריינגיין. דער איד האט זיך אויפגערעגט אויפן גבאי און אים דערלאנגט א פראסק אויפן פנים. פארשטייט זיך אז דאס האט נישט צופיל געהאלפן אז דער גבאי זאל אים אריינלאזן נאר ער האט אים אויפגעהאלטן ביז עס קומט זיין רייע אריינצוגיין.

בשעת דער איד האט געווארט אריינצוגיין צום רבי'ן איז דער גבאי אריין צום חידושי הרי"ם און דערציילט פארן רבי'ן: "דא איז געווען א איד וואס האט זיך געוואלט אריינכאפן אינעם שורה, איך האב אים נישט געלאזט און ער האט מיר דערלאנגט א פראסק",

אבער ער האט נישט דערציילט ווער דער איד איז.

די עולם איז ווייטער אריין צום רבי'ן, די לעצטע אריינצוגיין איז געווען אט דער איד וואס האט געשלאגן.

דער חידושי הרי"ם האט גלייך באמערקט אז ער איז דער שלעגער, האט זיך דער חידושי הרי"ם אנגערופן: "איך וויל גארנישט הערן פון דיר ביז דו בעטסט איבער דעם גבאי". דער איד האט אויסגעפלאצט אין א געוויין און געזאגט: "איך בין מלא יסורים און פול מיט צער, איך בין שוין חתונה געהאט פאר צען יאר און איך האב נאך נישט קיין קינדער, און נישט נאר דאס, נאר מיין ווייב וויל זיך גט'ן" אבער דער רבי בלייבט ביי זיינס און זאגט: "איך וויל גארנישט הערן פון דיר ביז דו בעטסט איבער דעם גבאי'ן".

דער חידושי הרי"ם האט אריינגערופן דעם גבאי אין צימער און זאגט פאר דער איד: "בעט אים איבער" דער גבאי רופט זיך אן: "איך בין מוחל דעם איד נאר מיט איין תנאי".

דער חידושי הרי"ם האט זיך אזוי פארוואונדערט, וועלכע תנאי קען דער גבאי בעטן. און דער גבאי איז ממשיך: "דער רבי ווייסט אז דער איד ווארט שוין צען יאר פאר קינדער, איך בין מוחל דער איד נאר אויב דער רבי וואונטשט אים אן אז ער זאל געהאלפן ווערן מיט זרע של קיימא".

דער חידושי הרי"ם איז מורא'דיג נתפעל געווארן פון די תמימות און גלייכקייט פון דעם גבאי אז ער קוקט בכלל נישט אויף זיין כבוד אז ער איז פארשעמט געווארן און געכאפט א פראסק פון דעם איד.

האט מוהרא"ש אויסגעפירט אז די מעשה איז א שטארקע און חשוב'ע לימוד אין בין אדם לחברו אז נישט נאר עס זאל נישט באדערן אז מען כאפט בזיונות פון א מענטש, נאר מען זאל וועלן יענעמס גוט און זען וואו מען קען יענעם העלפן.



אז א מענטש וויל זוכה זיין זיך צו רייניגן, זוכה זיין צו תשובה שלימה דארף ער וויסן אז די בושות און בזיונות דאס איז כפרת עוונות, יעצט בין איך זוכה צו א כפרה!

*שיחות מוהרא"ש חלק ז' ערך בושה*



## דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע
## קנ"ג

# פארזעצונג פון פריער:

**אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען צוּ פָאְרן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, דֶער רֶבִּי שְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי אוּן דֶערְצֵיילְט מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ אַז עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט אוּן עֶר הָאט גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף זִיךְ אַלֵיין**

מָאנְטָאג, ו' סִיוָן, יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, הָאבְּן זִיךְ אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וִוי דֶער סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען יֶעדֶעס יָאר, אוּן אוּם מִיטְל נַאכְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט גָאר אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כ"ח, כ"ו) "וּבְיוֹם הַבִּכּוּרִים", (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נ"ו).

דִי תּוֹרָה הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַ גֶעוִויסֶע מַלְכוּת אִין זִיךְ, עֶר אִיז קֶענִיג אוּן הֶערְשְׁט אוֹיף עֶפֶּעס, עֶס אִיז דָא אַן אָפֶענֶע מַלְכוּת אוּן עֶס אִיז דָא אַ בַּאהַאלְטֶענֶע מַלְכוּת, אוּן עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס כָאטְשׁ וָואס פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט מֶען גָארְנִישְׁט אַז עֶר זָאל הָאבְּן סֵיי וֶועלְכֶע סָארְט מַלְכוּת, מֶען זֶעט נִישְׁט עֶר זָאל הָאבְּן עֶפֶּעס אַן הֶערְשַׁאפְט, אָבֶּער בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט הָאט עֶר אַ מֶמְשָׁלָה אוֹיפְ'ן גַאנְצְן דוֹר, אוּן אֲפִילוּ אוֹיף אַלֶע צַדִיקִים פוּנֶעם דוֹר, אַלֶע זֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת זֶענֶען אוּנְטֶער זַיין הֶערְשַׁאפְט אוּן קֶענִיגְרֵייךְ, אַלֶע זֶענֶען אוּנְטֶערְטֶענִיגְט אוּן אוּנְטֶערְגֶעבוֹיגְן אוּנְטֶער אִים, נָאר עֶס אִיז זֵייעֶר בַּאהַאלְטְן.

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט קְלָאר אוֹיף זִיךְ, "עֶס דַאכְט זִיךְ אַייךְ אַז אִיךְ הָאבּ אַ מֶמְשָׁלָה נָאר אוֹיף אַייךְ, אָבֶּער פַּאקְטִישׁ בִּין אִיךְ דֶער מוֹשֵׁל אוֹיךְ אוֹיף אַלֶע צַדִיקֵי הַדוֹר, נָאר עֶס אִיז בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט".

בַּיים סוֹף פוּן דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט פוּן דֶעם עִנְיָן אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי וֶועגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז עֶס זֶענֶען דָא זַאכְן וָואס מִיר קֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דָאס וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (עֵירוּבִין י"ג:) "אֵלּוּ וְאֵלּוּ דִבְרֵי אֱלֹקִים חַיִים", אַז אֲפִילוּ וֶוען דִי חֲכָמִים קְרִיגְן זִיךְ, זֶענֶען בֵּיידֶע וֶועגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דָאס קֶען מֶען בֶּאֱמֶת נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס זֶענֶען דִי דוּנֶערְן אִין הִימְל, וִוי מֶען קֶען זֶען דֶעם גַאנְצְן עִנְיָן אִינֶעוֵוייניג אִין דִי תּוֹרָה.

שְׁפֶּעטֶער בַּיינַאכְט הָאט דֶער רֶבִּי דָאס אִיבֶּערְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן עוֹלָם, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ מֶען קֶען טְרֶעפְן אִין דִי קַבָּלָה סְפָרִים אַ תֵּירוּץ אוֹיף דִי קַשְׁיָא, אָדֶער אַנְדֶערֶע אַזֶעלְכֶע סָארְט קַשְׁיוּת, דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים זֶענֶען מַסְבִּיר אַז דָאס וָואס אֵיינֶער אִיז מֵקִיל אוּן דֶער צְוֵוייטֶער אִיז מַחְמִיר, דָאס אִיז וַוייל אֵיינֶער אִיז פוּן חֶסֶד אוּן דֶער צְוֵוייטֶער פוּן גְבוּרָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן דֶערְפַאר זֶענֶען בֵּיידֶע "דִבְרֵי אֱלֹקִים חַיִים", אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אִיז אָבֶּער דֶער תֵּירוּץ נִישְׁט עֶכְט אַ תֵּירוּץ וָואס מֶען קֶען פַארְשְׁטֵיין מִיטְ'ן מֶענְטְשְׁלִיכְן שֵׂכֶל, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "מִיר לָאז עֶמִיצֶער זָאגְן אַ תֵּירוּץ", וִוי צוּ זָאגְן 'זָאל זִיךְ אֵיינֶער אוֹיפְשְׁטֶעלְן אוּן מִיר קֶענֶען מַסְבִּיר זַיין דֶעם תֵּירוּץ אַז עֶס זָאל טַאקֶע שְׁטִימֶען מִיטְ'ן מֶענְטְשְׁלִיכְן שֵׂכֶל', פַּאקְטִישׁ אִיז דִי קַשְׁיָא נִישְׁט פַארֶענְטְפֶערְט, וַוייל אֵיינֶער זָאגְט דָאךְ אַז דִי זַאךְ אִיז כָּשֵׁר אוּן מֶען מֶעג עֶס עֶסְן, אוּן דֶער צְוֵוייטֶער זָאגְט פַארְקֶערְט, אַז מֶען טָאר עֶס נִישְׁט עֶסְן, וִוי אַזוֹי זָאל אַ מֶענְטְשְׁלִיכֶע שֵׂכֶל קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין אַז בֵּיידֶע זֶענֶען אֱמֶת אוּן רִיכְטִיג? יֶעדֶער זָאגְט דָאךְ אַז דִי הֲלָכָה אִיז פַארְקֶערְט וִוי דֶער צְוֵוייטֶער הָאט גֶע'פַּסְקְ'נְט.

אוּמְגֶעפֶער אַכְט טֶעג נָאךְ שָׁבוּעוֹת הָאט רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר בֶּענְקֶען צוּ פָאְרן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶס גֵייט אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין עֲבוֹדַת ה', אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט דִי חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעהַאט גְרוֹיסֶע מְנִיעוּת אוֹיף דֶעם, אוּן זַיין עִיקָר מְנִיעָה אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז דֶער רֶבִּי אַלֵיין וֶועט זַיין בֵּייז אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר קוּמְט צוּ אִים אַזוֹי סַאךְ, וַוייל דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ מָאל אַרוֹיסְוַוייזְן אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֶערְט אִים וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אִים צוּפִיל, אוּן יֶעצְט אִיז דָאךְ רֶבִּי נָתָן מַמָּשׁ לֶעצְטְנְס גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף שָׁבוּעוֹת אוּן שׁוֹין וִויל עֶר פָאְרן נָאכְאַמָאל.

זַיין חֵשֶׁק אוּן רָצוֹן אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק יָא צוּ פָאְרן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אִיבֶּערְצוּקוּמֶען דִי מְנִיעוּת אוּן יָא גֵיין צוּם רֶבִּי'ן.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# היכל הלכה

## הלכות קידוש - סימן רע"א סעיף ט'

צוויי וואכן צוריק האבן מיר גערעדט איבער די הלכה פון צודעקן די חלות, איז לאמיר מאכן א סך הכל פון די הלכה.

**ל]** ווען מ'מאכט קידוש דארפן די חלות זיין צוגעדעקט; מיט א צודעק העכער די חלות און א טישטוך אונטער די חלות (מחבר).

**ל"א]** ס'איז דא אפאר טעמים פארוואס די חלות דארפן זיין צוגעדעקט, נישט אייביג גייט אן אלע טעמים:

1) קודם זאל מען זאגן קידוש, דורך דעם הייליגט מען דעם שבת, און נאר נאכדעם זאלן די חלות קומען לכבוד שבת קודש!

2) אלס זכר צו די מן וואס איז געווען צוגעדעקט מיט טוי פון אונטן און פון אויבן.

3) לויט די סדר פון די שבעת המינים קומט אז מען זאל קודם מאכן א ברכה אויף די חלה ווייל עס איז געמאכט פון חטה, און חטה איז קודם אין די פסוק וואס רעכנט אויס די שבעת המינים. די חכמים האבן אבער מתקן געווען אז מ'זאל קודם קידוש מאכן אויף וויין און כדי נישט צו מבייש זיין די חלות, דעקט מען עס צו.

4) היות אלע ברכות קומען בזכות וואס מ'היט שבת קודש און חז"ל זאגן 'אין הברכה מצויה כי אם בדבר הסמוי מן העין' - אז א ברכה קומט ווען זאכן זענען פארהוילן,

**הגהות**

99) כמו דמצינו בענין דאיתא בשו"ע סי' קע"א סעי' א', אין זורקין הפת משום בזיון אוכלים, ושאר אוכלים מותר לזרוק באופן שאינם נמאסים.

100) כן איתא באשל אברהם בוטשאטש סו"ס קפ"ב.

דעקט מען צו די חלות.

**ל"ב]** שבת ביינאכט גייען אן אלע טעמים; סיי די ברויט זאל ארויסקומען לכבוד שבת קודש, סיי די טעם פון די מן, און סיי בושות. דערפאר איז די חלות פארדעקט ביז נאך די ברכה פון המוציא.

שבת אינדערפרי איז שוין נישט דא די טעם אז די חלות זאלן קומען לכבוד שבת קודש און פאר די טעם פון די מן איז גענוג אז מען האט שוין איינמאל געמאכט א זכר צו דעם ביינאכט. צוליב דעם איז דא וואס פירן זיך אז שבת אינדערפרי איז די חלות פארדעקט נאר ביז נאך קידוש און נישט ביים מאכן די ברכה פון המוציא.

מורינו הראש ישיבה שליט"א פירט זיך אויך אזוי.

**ל"ג]** ביי מזונות, קעי"ק וכדומה איז די מנהג ביי אונז אז ס'דארף נישט זיין צוגעדעקט כאטש בעצם אלס די טעם פון בושות וואלט עס יא געדארפט זיין צוגעדעקט ווייל ס'איז אויך געמאכט פון חטה.

ס'איז דא פוסקים וואס זענען מסביר אז דאס איז דוקא ביי ברויט וואס איז גאר א חשובע עסן און עס איז די עיקר עסן פון א מענטש. מ'טרעפט ביי נאך הלכות אז מ'האט מער מקפיד געווען ביי ברויט ווי אנדערע עסן.99

נאך א טעם ווערט געברענגט אין די פוסקים אז נאר א זאך וואס מען וואלט געקענט קידוש מאכן אויף דעם און מען באזייטיגט אים איז שייך בושות, משא"כ א זאך וואס מ'קען בכלל נישט קידוש מאכן דערויף איז נישט שייך קיין בושת.100

**ל"ד]** מ'פירט זיך אז די טישטוך און די חלה דעקל זאלן זיין ווייס.

## שאלה:

דאס וואס מען שאקעלט זיך ביים דאווענען און לערנען, איז אן הלכה, א מנהג, על פי קבלה אדער סתם א חסידישע ענין?

## תשובה:

עס איז א קלארע הלכה אין דער הייליגער רמ"א (או"ח סי' מ"ח) אז מ'פירט זיך צו שאקלען ווען מען איז עולה צו די תורה און אזוי אויך ווען מען דאווענט און ווען מען לערנט.

אין משנה ברורה (צ"ה סק"ז) שטייט: מ'זאל זיך שאקלען ביים דאווענען, געבויט אויפן פסוק (תהילם ל"ה י') 'כל עצמותי תאמרנה הוי"ה מי כמוך'.

01) דער מג"א אין סק"ד ברענגט א מחלוקת אויב ביים דאווענען שמו"ע זאל מען זיך שאקלען. ס'איז דא פוסקים וואס האלטן אז שטיין גראד ביי שמונה עשרה העלפט צו אז מ'זאל בעסער אינזין האבן. למעשה שרייבט דער מג"א אז היות עפ"י קבלה דארף מען זיך יא שאקלען, (אזוי שרייבט די רקנ"ט אין פר' יתרו - און אזוי אויך אין זוהר הק' פר' פנחס רי"ח עמוד ב'), איז ווי אזוי מען טוט, איז גוט.

**לשון הזוהר הק' פר' פנחס:** (אין אידיש) ר' אבא האט געפרעגט רשב"י, פארוואס אידישע קינדער ווען זיי לערנען תורה שאקלען זיי זיך, ביי די גוים זעט מען נישט אזא זאך? האט רשב"י געענטפערט ר' אבא, אידישע נשמות קומען פון א הייליגע ברענעדיגע ליכט און ווען די ליכט - די אידישע נשמה, ווערט אנגעצינדן פון די הייליגע תורה, ווארפט זיך עס ווי א ליכט. די פסוק זאגט: 'נר הוי"ה נשמת אדם - ואתם קרויין אדם, ואין עכו"ם קרויין אדם'.

נאך א נקודה, דער הייליגע ר"ר אלימלך זצוק"ל שרייבט (נועם אלימלך פר' שלח ד"ה ואם נפש), אז ס'איז דא צוויי סארט מדריגות ביי צדיקים. 1) א צדיק וואס איז שוין אינגאנצן אויסגעארבעט; אים זעט מען נישט ביים דאווענען קיין שום תנועה און מ'הערט נישט ווען ער דאווענט. 2) די צווייטע מדריגה איז א צדיק וואס איז נאך נישט אויסגעארבעט, ער דארף זיך נאך שאקלען און איינבייגן די חוליות השדרה עי"ש, ווייטער שרייבט ער זייער שארף אויף די וואס רעדן אויף צדיקים, זייער עונש איז כרת ה' ישמרנו.

קרן ה

# פרנס השנה

מו"ה
יצחק אייזיק
ראטה
הי"ו

מו"ה
שלמה זלמן
גלאנשטיין
הי"ו

הרוצה
בעילום
שמו

מו"ה
יקותיאל
פעלדמאן
הי"ו

הרוצה
בעילום
שמו

מו"ה
זלמן לייב
מייזעלס
הי"ו

מו"ה
מאיר
וויזעל
הי"ו

מו"ה
יעקב
האלפערן
הי"ו

## פרנס החודש

### ניסן

לע"נ ר' צבי הירש
בן ר' בנימין אייזיק ע"ה

לע"נ ר' יצחק
בן ר' אברהם ע"ה

מו"ה יחזקאל
זיגלער הי"ו

### סיון

מו"ה ראובן
בירנבוים הי"ו

מו"ה אפרים
פעלדמאן הי"ו

מו"ה בניהו
אונגאר הי"ו

### אב

מו"ה יעקב
שאול פיש הי"ו

מו"ה שלמה
יאקאבאוויטש הי"ו

מו"ה אלי
קנאלל הי"ו

### אייר

לע"נ אברהם חיים אלטר
בן ר' ידידיה ע"ה

מו"ה אשר
לעווי הי"ו

מו"ה משה
האמער הי"ו

### תמוז

הרוצה
בעילום שמו

מו"ה יהודה אריה
ראטה הי"ו

### אלול

מו"ה עלי
מזרחי הי"ו

מו"ה לוי יצחק
זאפיר הי"ו

מיר ווילן אויס
הכרת הטוב
הנכבד פאו

### חודש

מו"ה יואל א

הרוצה בע

מו"ה אפרים אשר

דער אייבעו
העלפן אז אין
און פארשט
הייליגן רבין'
דיר דער אי
ערפילן כל מ



*sruliHeskel

# פרנס השנה

מו"ה
דוד
טשינגל
הי"ו

מו"ה
מרדכי
היימליך
הי"ו

מו"ה
מרדכי לייב
טירנויער
הי"ו

מו"ה
ישראל דוד
העסקעל
הי"ו

מו"ה
אברהם
שבתי
מזרחי
הי"ו

מו"ה
אשר לעמיל
זוסמאן
הי"ו

מו"ה
שלמה
לאנדא
הי"ו

# פרנס החודש

## תשרי

מו"ה שלמה
בריסק הי"ו

מו"ה אהרן
וועבערמאן הי"ו

מו"ה חיים ישעי'
דעפריס הי"ו

## כסלו

הרוצה
בעילום שמו

מו"ה שאול חיים
איינהארן הי"ו

## שבט

מו"ה שלום יצחק
מאסרי הי"ו

מו"ה יוסף הכהן
פריעדמאן הי"ו

## חשון

מו"ה דוד
מץ הי"ו

מו"ה יואל
ראזענבערג הי"ו

## טבת

מו"ה יואל
מארקאוויטש הי"ו

מו"ה משה
עקשטיין הי"ו

## אדר

מו"ה יואל
אפענהיים הי"ו

הרוצה
בעילום שמו

מו"ה אפרים אשר
הלוי ענגליש הי"ו

...דריקן אונזער
...פאר ידידינו
...ן מנדב זיין

## ...אדר

...פענהיים הי"ו

...ילום שמו

...הלוי ענגליש הי"ו

...רשטער זאל
...זכות פון דרוקן
...פרייטן דעם
...ס ספרים זאל
...יבערשטער
...משאלות לבך.

# מעשיות פון תפילה



**ישראל סופר** | בני ברק

אין זומער פון יאר תשפ"ה, האב איך באקומען א צעטל זיך צו שטעלן צום מיליטער.

ברוך השם, ראש השנה תשפ"ה איז עס נאך נישט געווען אזוי פראבלעמאטיש, אבער מיין גאנצע זארג איז געווען אויף ראש השנה תשפ"ז און ווייטער...

דער סדר ביי זיי איז, אז זיי רופן עטליכע מאל, און דערנאך שטעלן זיי א דאטום זיך צו שטעלן אין מיליטער (יום הגיוס). מען דארף האבן גרויסע רחמי שמים צו באקומען א פטור פונעם מיליטער.

לעצטנס איז די זאך געווארן פיל שווערער; מענטשן גייען ארום צו זיבן פסיכיאטערן, שפיטעלער, און וואס נישט, אבער גארנישט העלפט נישט.

איך האב אנגעהויבן מתפלל זיין צום אייבערשטן אז איך זאל באקומען א פטור. איך בין געגאנגען איין מאל צו א פסיכיאטער (איך האב דארט געטענה'ט אז איך בין משיח וכדומה), און ער האט מיר פארשריבן פילן. מיט די צעטלעך בין איך געגאנגען צום מיליטער, בשעת איך רייס איין ביים אייבערשטן מיט גרויס כוונה.

דארט האבן זיי מיר געזאגט אז די אלע צעטלעך זענען ביי זיי נישט ווערד צופיל, און א פסיכיאטער פונעם מיליטער אליין וועט מיך מוזן אונטערזוכן. איך האב ווייטער ממשיך געווען מתפלל צו זיין צום אייבערשטן.

קומענדיגן אינדערפרי האב איך באקומען א מעלדונג אז איך מוז זיך שוין שטעלן דארט. איך בין נאכנישט געגאנגען, און דאס האט מיר נאך מער דערשראקן, ווייל נאכן "יום הגיוס" איז שוין פיל שווערער צו פועל'ן עפעס.

איך האב נאכאמאל מתפלל געווען צום אייבערשטן מיט מיין גאנץ הארץ. איך האב זיי גערופן און געפרעגט: "וואס מיינט דאס? איך בין דאך שוין דארט געווען..." האבן זיי געזאגט: "מיר ווילן עס איבערקוקן."

צומארגנס אינדערפרי האב איך געפרעגט וואס עס לאזט זיך אויס, האבן זיי מיר געזאגט: "דו דארפסט אונטערשרייבן אז מיר קענען אליין מחליט זיין אז דו ביסט פטור." מיט א געוואלדיגע שמחה האב איך עס גלייך אונטערגעשריבן.

דער טאג נאך פורים האבן זיי מיר געמאלדן די גוטע בשורה: "דו ביסט באפרייט פונעם מיליטער!"

מיט תפילה, נאר דורך תפילה, קען מען זען אפענע ניסים!

**יצחק אייזיק ראזענבוים** | קרית יואל

ברוך השם, דער אייבערשטער האט מיר מזכה געווען צו גיין צו א שבע ברכות פון א כלה, דינסטאג נאכט פרשת תצוה, און ס'פאלט דא אין קרית יואל א גרויסע שניי. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל העלפן איך זאל

# אייער קארטאפל צוויבל גרעיפ דשוס מצה עפל אראנדשעס בארן

## פונקט ווי פאראיאר



ס'פארט הונדערטערס

פונקט ווי יעדעס יאר

נישט דא קיין שום חידושים
פסח תשפ"ו

## כאפט א זכות:

| | | | |
|---|---|---|---|
| זכות העלפער $500 | זכות תומך $1,000 | זכות שיינע איד $1,800 | זכות נגיד $3,600 |

רופט דעם גבאי מו"ה שמואל אייכנשטיין הי"ו 917.589.3382

אנקומען בשלום און איך זאל אהיימגיין בשלום.

דער אייבערשטער האט געהאלפן, איך האב געמאכט א טעות אין די אדרעס וואו די שבע ברכות איז, איך בין אנגעקומען צו אן אנדערע אדרעס.

איך קלאפ אויף די טיר, און ס'איז געווען א אנדערע שבע ברכות, ס'איז געווען גאר אן אנדערע זאך.

איך האב געהאט א באקס וואס איך האב מיטגעשלעפט מיט מיר, און אזוי שלעפ איך מיך אין די שניי, און איך בעט דעם אייבערשטן, אויב דארף איך אנקומען צו די שבע ברכות, זאל איך אנקומען אהין, און אויב דארף איך נישט אנקומען אהין, ס'איז נישט דיין רצון, זאל איך שנעל טרעפן א וועג אהיים און אנקומען אהיים בשלום.

למעשה, איך האב מיך געשטעלט פאר א היטש, און איינער האט זיך אפגעשטעלט און מיר געטראגן א האלבע וועג צו די שבע ברכות.

איך בעט ווייטער דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט געהאלפן, איך האב געטראפן נאך א וועג. איך בין אנגעקומען צו די שבע ברכות, איך בין געווען זייער פרייליך.

ארויס פון דארטן האב איך עפעס נישט באמערקט עפעס א סטעפ, איך האב מיר געגעבן א געזונטע גליטש אויס, און מיין פיס האט זיך גוט אויסגעבויגן. איך האב געמיינט, דאס איז עס, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז אויב איך גיי שנעל טרעפן א גוטע וועג אהיים פון דא, וועל איך לאזן א מעשה פון דיר אין די בלעטל, מפרסם זיין דיינע ניסים פאר נאך אידן זאלן אויך וויסן צו בעטן דעם אייבערשטן.

דער אייבערשטער האט געהאלפן, איך האב מיך אויפגעהויבן, און איך האב מיך אראפגעזעצט אויף א בענקל.

איך האב גערופן אפאר מענטשן מיט קארס, און קיינער איז נישט געווען עוועילעבל.

איך האב געזען איך דארף זיך אינגאנצן איבערגעבן צום אייבערשטן, אז דו ווילסט, בלייב איך שלאפן דא, און אויב דו ווילסט, נעם מיך אהיים.

איך האב גערופן א חשובן תלמוד פון היכל הקודש ער האט מיר געזאגט אז ער קומט מיך אויפפיקן.

שכח אייבערשטער.

## שלום אלי' אינדיג | מאנטריאל

איך האב געדארפט מאכן א געוויסע פעימענט אין א געוויסע צייט, און די צייט האט געדארפט זיין פאר שבת.

איך האב קודם אסאך געבעטן דעם אייבערשטן צו קענען אויפקומען מיט די גאנצע געלט, וואס איך האב קודם נישט געהאט קיין אנונג פון וואו איך נעם עס.

שכח אייבערשטער, מ'האט דאס אויסגעארבעט.

נאכדעם האב איך געדארפט מאכן די פעימענט. אבער פרובירנדיג צו מאכן די פעימענט האט מיר נישט קיינער געענטפערט.

די טעלעפאן האט זיך אפגעהאקט זייער אסאך מאל, און איך האב געדארפט צוריקרופן און ווארטן נאכאמאל אויף האלד, און נאכאמאל זיך אפגעהאקט.

איך האב געזען אז ס'ווערט נענטער און נענטער צו חצות, איך האב אזא קבלה, נאך חצות פרייטאג טוט מען נישט אזעלכע סארט זאכן, און אלעמאל קומט אן גוטע נסיונות.

איך האב געוואוסט אז ס'רוקט זיך נענטער און נענטער צו חצות, און די פעימענט מוז געמאכט ווערן פאר שבת. נאך שבת וועט עס שוין קאסטן מער.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן, איך האב געגעבן צדקה, דורך ביפעי, און שכח אייבערשטער, ממש אפאר מינוט פאר ס'איז געווארן חצות האבן זיי אויפגעהויבן נאכ'ן ווארטן אזוי לאנג אויף האלד און ווערן אפגעהאקט פינף מאל, און מ'האט געקענט מאכן די פעימענט פאר שבת, פאר חצות, אנהאלטנדיג די קבלה טובה.

שכח אייבערשטער.

שכח פאר די הערליכע בלעטל וואס ס'ברענגט אריין אמונה אין אידישע קינדער, ס'ברענגט אריין קדושה אין אידישע קינדער, אויסנאם שיין, אויסנאם הערליך. גייטס אן מיט ענקער הייליגע ארבעט.

פסח קאמפיין ———— בית התבשיל

# ג׳ אייר



## יארצייט סעודה מיט דער ראש ישיבה שליט״א

ווער ס׳געבט בעין יפה

פונקט ווי יעדעס יאר

נישט דא קיין שום חידושים
פסח תשפ״ו

## כאפט א זכות:

זכות העלפער $500 | זכות תומך $1,000 | זכות שיינע איד $1,800 | זכות נגיד $3,600

**רופט דעם גבאי מו״ה שמואל אייכנשטיין הי״ו 917.589.3382**

# געדאנקען

# אויפ'ן בארג מיט די פאלשע פיס

די מעשה מיט די העכסטע בארג אין די וועלט איז גאנץ א אינטרעסאנטע געשיכטע.

די העכסטע בארג אין די וועלט איז מאונט עווערעסט.

די בארג עווערעסט איז דרייסיג טויזנט פיס הויך.

דאס איז אזוי ווי צוואנציג פרידאם טאוערס שטייענדיג איינס העכערן צווייטן.

ווען מיר פארן צום רבי'ן אויף ראש השנה, פליען מיר אזוי הויך ווי די שפיץ פון בארג עווערעסט.

עדמאנד הילערי און טענזינג נארגיי זענען אנגעקומען צום שפיץ אין 1953 למספרם, זיי זענען געווען די ערשטע מענטשן צו אנקומען צום שפיץ.

(מען קען שפאקולירן אז מענטשן זענען אנגעקומען צום שפיץ פאר עטליכע הונדערט יאר צוריק, נאר די אלע סארט סטאטיסטיקס זענען געבויעט אויף "זייט מען האלט א רעקארד").



ריינהאלד מעסנער און פיטער האבעלער זענען געווען די ערשטע צו גרייכן דעם שפיץ אן קיין אקסידזשן טאנק!!!!! אין 1978 למספרם.

ריינהאלד מעסנער איז געווען דער ערשטער צו גרייכן דעם שפיץ "אליין" (SOLO CLIMBER) אן קיין געהילף, אין 1980 למספרם. עס איז אומלעגאל אין נעפאל ארויפצוגיין דעם בארג אליין אן א געהילף.

קאמי ריטא האט די רעקארד פון די מערסטע מאל גרייכן דעם שפיץ!! גאנצע 31 מאל!!! איין און דרייסיג מאל ארויף דרייסיג טויזנט פיס!!

יוטשיראו מיורא איז די עלטסטע מענטשן צו גרייכן דעם שפיץ!! 80 יאר אלט!! יא! א בן שמונים! דרייסיג טויזנט פיס ארויף!

דזשארדן ראמערא איז דער יונגסטער מענטש צו גרייכן צום שפיץ! בלויז 13 יאר אלט!

אן עקספעדיציע הייבט זיך אן מיט א נסיעה קיין קאטמאנדו, עס קאסט 2000.00 א טיקעט פון ניו יארק סיטי קיין קאטמאנדו, די הויפט שטאט פון נעפאל. נעפאל געפינט זיך צווישן טשיינע און אינדיע.

מען נעמט א טאג צוויי זיך מסדר זיין צו זען צו מען האט אלעס, ס'איז דא זאכן וואס מען קען זיך איינהאנדלען אין קאטמאנדו.

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

דערנאך נעמט מען א זעכציג מינוטיגע פלייט פון קאטמאנדו צו לוקלא.

מען הייבט אן גיין אויף ארויף פאר צען צוועלף טעג, בערך זיבן שעה א טאג, ביז מען קומט אן צו 18,000 פיס, וואו עס געפינט זיך עווערעסט בעיס קעמפ (EVEREST BASE CAMP).

ווען מען קומט אן צו בעיס קעמפ איז די אקסידזשן אין די לופט האלב ווי נארמאל אונטן (אויף SEA LEVEL), יעדע מאל דו געבסט א אטעם, באקומסטו נאר האלב פון די אקסידזשן וואס דיין קערפער געברויכט!

דאס איז גורם אז דער קערפער ארבעט דאפלט שווער, באקומענדיג בלויז האלב ברענשטאף, א שווערערע אטעם, און א שנעלערע פולס.

פאר די קומענדיגע דריי ביז זעקס וואכן מאכט מען נאך און נאך פרואוון ארויפצוגיין צו "קעמפ 1" און "קעמפ 2" און "קעמפ 3". און כסדר צוריקקומענדיג צו בעיס קעמפ צו ריקאווערן פון די שווערע מיטמאכעניש און זאמלען כוחות אויף ווייטער.

"קעמפ 1" איז 20,000 פיס הויך.

"קעמפ 2" איז 21,000 פיס הויך.

"קעמפ 3" איז 24,000 פיס הויך.

נאך עטליכע וואכן זיך אקלימיזירן ביז אט די הויכקייט, גייט מען ארויף צו "קעמפ 4" וואס איז 26,000 פיס הויך.

דערנאך, ווען מען האלט שוין בערך ביי זעכציג טעג, קומט די לעצטע PUSH צום שפיץ, צום סומיט, מען הייבט אן בערך צוועלף ביינאכט, אז ווען מען קומט אראפ צוריק צו "קעמפ 4" זאל זיין נישט שפעטער ווי 2 נאכמיטאג.

ווייל אז מען הייבט אן די וועג אראפ שפעטער ווי 2 נאכמיטאג, קען מען אריינפאלן אין גרויסע סכנות גייענדיג אראפ אין די טונקל (כאלו אן דעם איז נישט די גאנצע עקספעדיציע איין שטיק סכנה).

וויפל קאסט אפ אזא מעשה?

11,000 קאסט א פערמיט פון די נעפאלעזער רעגירונג אז דו האסט רשות ארויפצוגיין.

60,000 קאסט די געהילף מיט די אקסידזשן און נאך זאכן.

10,000 קאסט קליידונג, אינשורענס, און די עראפלאן אהין, פון די פלאץ וואו דו וואוינסט.

עס קומט אויס א גוטע אכציג אלפים.

עריק וויהענמאיער איז געווען דער ערשטער בלינדער מענטש צו גרייכן צום שפיץ!!!

און נישט נאר א בלינדער האט געגרייכט דעם שפיץ.

מארק אינגליס איז געווען אן ארבעטער אין "מאונט קוק נעשאנעל פארק" אין ניו זילאנד.

איינמאל ביים ארויף גיין איינס פון די הויכע בערג אין יענעם ראיאן איז ער געווארן פארכאפט אין א הייל פאר דרייצן טעג. זיינע ביידע פיס האבן באקומען "פראסט-בייטס" פון די קעלט, און מען האט געמוזט אראפנעמען זיין פוס.

און ער געבט נישט אויף!

מיט זיינע צוויי פאלשע פיס איז ער אנגעקומען צום שפיץ פון מאונט עווערעסט!

אין יאר 1952 למספרם איז רעימאנד לאמבערט ארויף דעם בארג און איז אנגעקומען ביז 150 פיס פון די שפיץ און נישט געקענט גיין ווייטער!

נאך צווי קריכערס (טאם בארדילאן או טשארלס עוואנס) זענען ארויף א יאר שפעטער און זיך צוריקגעדרייט 300 פיס פון די שפיץ!

אוי געוואלד! שוין ארויף דרייסיג טויזנט פיס! און זיך צוריק געדרייט ביי די לעצטע 300!

לאמיר נישט מאכן דעם טעות.

אז מיר האבן שוין געקושט די מזוזה טויזנטער מאל, לאמיר קושן די מזוזה נאך איין מאל!

אז מיר האבן שוין געזאגט עטליכע הונדערט פרקים משניות, לאמיר זאגן נאך איין פרק.

נישט זיך צוריק דרייען ביי די לעצטע דריי הונדערט פיס.

לאמיר נישט זיין א חוזק ווי די צוויי בטלנים קריכערס וואס האבן זיך מייאש געווען א האר אוועק פון סוקסעס.

אז מיר האבן שוין אזויפיל מאל געבעטן "אייבערשטער העלף איך זאל זיין א צדיק", לאמיר עס בעטן נאך איין מאל און מיר האבן עס.

מיר זענען איין תפלה אוועק פון סוקסעס.



# שעה מי ידע

## זעקס יאר פון קאראנע ווירוס

יא עס גלייבט זיך שווער אז ס'איז שוין אדורך זעקס גאנצע יאר פון ווען קאראנע איז אנגעקומען, אדער ווי אנדערע רופן עס קאוויד 19.

ביי יעדן האט די קאראנא צייט אן אנדערן באדייט. ביי איינעם ברענגט עס ארויף ביטערע קאשמארן, א צווייטער דערמאנט זיך די מנינים אויף די גאסן, א דריטער געדענקט נאך דעם פחד און שרעק ארויסצושטעקן די נאז פון פענסטער, און אזוי ווייטער...

ביי תלמידי היכל הקודש אבער האט עס גאר אן אנדערע באדייט. ס'איז געווען א צייט פון נאכגיין א מורה דרך, פון נוצן דעם הייליגן רבינ'ס עצות, נישט פארלוירן צו ווערן מיטן שטראם. אזוי ווי מען האט דאס שוין גערהאט אויסגעשמועסט מיט מו"ה משה ארי' הי"ו פארגאנגענעם יאר אזא צייט.

דער ראש ישיבה האט אין יענע צייטן, אין שנת תש"פ, געזאגט פאר אנשי שלומינו: "שרייבט אפ וואס קומט דא פאר, ווייל ס'וועט קומען א טאג וואס אדער וועט מען לייקענען וואס איז ביי אונז געווען, אדער וועט מען שרייען ס'איז גארנישט געווען, יעדער איז אנגעגאנגען."

היינט זעצן מיר זיך אוועק מיט מו"ה לייבי ראטה הי"ו, וואס איז דאן געווען א בחור אין ישיבה און פון דער נאנט מיטגעהאלטן ווי אזוי דער ראש ישיבה שליט"א האט אריינגעבלאזן א חיות און א גייסט פון לעבן אין א צייט וואס אויף דער גאס האט געהערשט טויט!

ישראל דוד העסקעל

פורים שנת תש"פ - די נייעס פון עפעס א טויטליכן ווירוס פון כינע האט זיך אנגעהויבן פארשפרייטן. טייל מענטשן זענען אריין אין א פאניק, רוב מענטשן האבן געטראכט אז צו זיי וועט עס נישט אנקומען. יענעם פורים איז נאך אלעס אנגעגאנגען מער וויניגער ווי געהעריג. איך בין ארומגעגאנגען מיט די ישיבה גרופע נאך געלט. דא און דארט איז מען אריינגעקומען אין א הויז וואס ביים טיר האט יענער אוועקגעשטעלט א פלעשל פיורעל האנט סעניטייזער זיך צו וואשן די הענט, אבער חוץ מזה איז אלעס געווען ווי געהעריג.

דינסטאג נאך פורים, פרשת ויקהל-פקודי, האט מען שוין אנגעהויבן שפירן אז די מצב איז ערנסט. יענע נאכט איז געווען א חתונה אין ישיבה פון הרב יחזקאל שארף שליט"א. מ'האט שוין דעמאלט געשפירט די אנגעצויגנקייט. די חתונה איז געווען האלב ליידיג. מ'האט געקענט טאפן די לופט אז עפעס קומט...

אינמיטן די חתונה איז אריינגעקומען די נייעס אז איינער פון די פאליטישע הויכע פענסטער האט ארומגערופן צו די רבנים אנצוזאגן אז דא גייען שטארבן טויזנטער מענטשן און מ'דארף זען אז אלעס זאל זיך אפשטעלן. אלע מוסדות און שולן מוזן ווערן פארשפארט.

קיינער האט עס נישט געגלייבט, אבער די שמועות זענען געווען אז אויף מארגן, מיטוואך, גייט אלעס ווערן פארשפארט!




# א שלאס אויפן טיר

מיטוואך אינדערפרי שטיי איך אויף. איך וויל גיין דאווענען. איך גיי צום שול נעבן מיין הויז, בית המדרש תהילות יואל, און איך זע אויפן טיר א ריזיגן אייזערנעם קייטל מיט א שלאס. איך האב געכאפט די שאק פון לעבן. איך האב נישט געקענט גלייבן אז דאס פאסירט ווירקליך.

איינער איז פונקט אדורכגעגאנגען און זעט מיר שטיין דארט אינדרויסן פונעם בית המדרש, אינגאנצן פארלוירן. זאגט ער מיר אז אדוואררי בית המדרש, א גאס ארויף, איז אפן און אויך איז דארט די מקוה אפן.

איך בין טאקע אהינגעגאנגען. איך בין געגאנגען דארט אין מקוה און געדאווענט. יענעם טאג האט נאך די מקוה געקאסט צוויי דאלאר, אזוי ווי געווענליך. א טאג דערויף האט שוין די מקוה געקאסט צוואנציג דאלאר פאר א טבילה.

למעשה, יענעם טאג האט זיך אלעס פארשפארט - אלע חדרים, מוסדות און בתי מדרשים. אלעס איז געגאנגען אונטער שלאס און ריגל.

נאכן דאווענען בין איך אריבער אין ישיבה אויף 27 סקילמאן. אלעס איז נאך יענעם טאג אנגעגאנגען ווי געהעריג. מ'האט נאכנישט געוויסט אז אלעס איז טאקע צוגעשפארט.

# מנינים אין פארק

א טאג דערויף האט שוין יעדער געוויסט אין גאנץ וויליאמסבורג אז אלעס איז פארשפארט - אלע שולן און מוסדות. יענעם טאג האט זיך אנגעהויבן א מנינים צענטער אין דעם לינטש פארק, א פארק אין וויליאמסבורג. דארט זענען געווען מנינים די גאנצע צייט.

אזוי אויך האבן זיך אנגעהויבן די מנינים אויף די טעראסעס אינדרויסן. למעשה, נאך א וואך צייט זענען די אינסטאנצן געקומען און געלייגט א גרויסן שלאס אויף לינטש פארק, וואס מיט דעם איז דער מנינים צענטער געקומען צו אן אפשטעל.

# די ישיבה ווערט פארמאכט

דאנערשטאג האט מען אפיציעל פארשפארט די ישיבה. דאס מיינט אז מ'האט געקענט קומען ביז צען אזייגער צופרי, און צענע איז די טיר געווארן פארשפארט ביז סוף טאג - אין יוצא ואין נכנס.

אזוי אויך זענען די חדר און מיידל שולע געווען אפן אויף דעם

אופן. די קינדער זענען געקומען ביז צענע און דערנאך איז דער בנין געווארן הערמאטיש פארשלאסן.

דער ראש ישיבה האט דעמאלט געזאגט אז די קאראנע איז גארנישט, די עצם מחלה איז א פשוטער שוואכער ווייררוס. דער עיקר פון וואס מענטשן ווערן געהרג'עט איז פון די פחדים.

דער ראש ישיבה האט דאן נישט פארגעלערנט אויף זיין געווענליכן פלאץ אין ישיבה כדי מ'זאל נישט דערקענען אז די ישיבה איז פולקאם אפן, נאר דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט אויבן אין א קלאס צימער ביי א פשוטע ווייסע וואנט.

מ'האט נישט געקענט מעלדן פאר די בחורים און פאר די עלטערן אפיציעל אז די ישיבה איז אפן, ווייל מ'האט זייער מורא געהאט אז די גאס זאל חלילה נישט געוואר ווערן דערפון. און טאקע די ערשטע פאר טעג זענען געווען גאר ווייניג בחורים אין ישיבה, ביז צוביסלעך האבן מער און מער בחורים געהערט אז די ישיבה איז אפן און מ'קען קומען אין ישיבה לערנען.

## קאראנע באקסעס

עטליכע טעג שפעטער האט זיך אנגעהויבן די פראגראם פון טיילן באקסעס עסן דורך אלע מוסדות. דעמאלט האט דער ראש ישיבה געשריבן אין די בריוו ברמיזא אז מ'טיילט אין ישיבה באקסעס פאר די בחורים, באקסעס פאר די אינגלעך און באקסעס פאר די מיידלעך, און ווער ס'האט פארשטאנען האט פארשטאנען...




ליידער האבן אסאך בחורים נישט פארשטאנען און נישט געוואוסט אז מ'קען קומען לערנען אין ישיבה, און זענען ליידער אוועקגעפאלן.

דער ראש ישיבה האט געהאלטן אין איין חזר'ן אז מ'דארף גארנישט מורא האבן, אפילו די לופט אין די גאס איז געווען פול מיט פחד. ס'זענען ארומגעפארן קארס מיט הויכהילכערס "לא תעמוד על דם רעיך" און "דינא דמלכותא דינא"... וכו'. אזוי איז די גאס געווען איינגעהילט אין פחד, אבער דער ראש ישיבה האט אונז מחזק געווען אז ס'איז נישטא פון וואס מורא צו האבן.

## קאראנע ניגון און קונטרס

צוויי טעג דערויף איז ארויסגעקומען די ערשטע קאראנע ניגון פון דעם ראש ישיבה "די עצה פאר קאראנע איז נאר אמונה". דער ראש ישיבה האט דעמאלט געשריבן פולע בריוו פון התחזקות אין די שווערע צייט. מ'האט געמאכט פון דעם א קונטרס. איך געדענק, איך האב דעמאלט גענומען פון די הדפסה אפאר הונדערט שטיק צו מפיץ זיין. איך בין ארומגעגאנגען מיט דעם אין לינטש פארק און עס פארשפרייט. איך געדענק, מענטשן האבן מיר דעמאלט געזאגט: "איך קען נישט נעמען די קונטרס, ס'האט קאראנע..." האב איך זיי געזאגט אז דער קונטרס וואס איך גיב דיר האט נישט קיין קאראנע, דאס איז יעצט פריש ארויס פון דרוק. דיין דאלאר וואס דו געבסט מיר, אפשר דאס האט קאראנע**...**"

## די ערשטע שבת אין ישיבה

די ערשטע שבת בין איך אריינגעקומען צום דאווענען אין ישיבה. ס'האט געהערשט א שטילקייט, אן אנגעצויגנקייט אין די לופט. די שול איז געווען היפש ליידיג, אסאך אנ"ש האבן נישט געוויסט אז מיר זענען אפן. מ'האט געקענט טאפן די אנגעצויגנקייט אין דער לופט.

יענעם פרייטאג צונאכטס האט דער ראש ישיבה איינגעפירט דאס זינגען לכה דודי און די פיוטים מיט דער קהל צוזאמען מיטן חזן. נאכן דאווענען קלאפט דער ראש ישיבה אויס "קיינער גייט נישט אין ערגעץ, יעדער זעצט זיך אראפ!" דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן פארלערנען א שיעור אין ליקוטי מוהר"ן א שעה צייט, ביז דער עולם איז מחוזק געווארן און זיך בארואיגט. דער ראש ישיבה האט געהייסן אז יעדער מוז זאגן א וויץ פאר מ'גייט אהיים. אזוי איז געווארן גוט פריילעך, און נאכדעם איז מען אהיים.

## מ'זוכט א מקוה

שבת אינדערפרי פלעג איך וועקן דעם ראש ישיבה און לערנען מיט אים בחברותא. דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט יענעם פרייטאג צונאכטס אז "מארגן, בעפאר דו קומסט מיר וועקן, מוזטו טרעפן א מקוה וואס איז אפן!"

איך בין אויפגעשטאנען יענעם שבת צופרי אום 5:30 און איך גיי ארויס אויף די וויליאמסבורגער גאסן צו זוכן א מקוה. דער מקוה וואו מיר זענען געגאנגען א גאנצע וואך איז געווען פארשפארט שבת. אזוי שפאציר איך ארויף בעדפארד און איך בעט דעם אייבערשטן: "באשעפער, העלף! איך דארף א מקוה פאר דעם ראש ישיבה!"

פלוצלינג זע איך אן אינגערמאן אויף דער גאס מיט נאסע פיאות. איך לויף שנעל צו צו אים און איך הייב אן בעטן מיט רחמנות: "זאג, וואו איז דא אן אפענע מקוה???"

ווייזט ער מיר אז ס'איז אפן אויף בעדפארד. איך גיי אויפוועקן דעם ראש ישיבה: "איך האב געטראפן א מקוה!" שכח אייבערשטער אז די מקוה איז טאקע געווען אפן און מיר האבן ב"ה זוכה געווען צו קענען גיין אין מקוה.

## א באהאלטענע חתונה

יענעם זונטאג איז געווען אין ישיבה די חתונה פון מו"ה שרגא שטראססער הי"ו. יענע חתונה איז געווען לכאורה די שווערסטע חתונה אין ישיבה.

די חתונה איז געווען אונטער שלאס און ריגל. קיינער האט נישט געקענט אריינקומען אינעם בנין. ס'זענען געווען ביי יענע חתונה בערך צוואנציג מענטשן, אבער ס'איז געווען זייער א פריילעכע חתונה. מ'האט געטאנצט און געשפרינגען און זיך נאריש געמאכט.

די חופה איז געווען אויף די דאך פון ישיבה אויף א שטילן קליינעם פארנעם. ביים טאנצן האט דער ראש ישיבה אנגעטון אן אלטן שטריימל צו מאכן פריילעך. ס'איז געווען זייער פריילעך!

יענע תקופה בין איך געפארן אין שטעטל צו העלפן מאכן דעם עירוב. מ'האט געארבעט דאן אויף ביג וואדס גאס. מ'האט געמאכט דעמאלט א צוים אין וואלד. ס'איז געווען סוף ווינטער, אלעס איז געווען א שטיק בלאטע. ס'איז געווען זייער שווערע ארבעט.

איין טאג קלינגט מיר דער ראש ישיבה אז מ'גייט אנהייבן צו טיילן באקסעס און דער ראש ישיבה וויל איך זאל צוריק קומען קיין וויליאמסבורג צו העלפן מיט די באקסעס. בין איך דאן צוריק געקומען קיין וויליאמסבורג צו העלפן דעם מוסד מיטן שיקן די באקסעס. די שטאט האט געגעבן געלט פאר יעדן מוסד צו פארטיילן באקסעס עסן.





מיר זענען דאן ארומגעפארן מיט דעם באס וואס איז סיי ווי נישט געווען אין באנוץ, ווייל דער חדר איז טאקע געווען אפן, אבער קיין טראנספארטאציע האט פארשטייט זיך נישט געקענט זיין... זענען מיר ארומגעפארן מיט די באסעס פארטיילן די באקסעס עסן.

## חיזוק טראק אויף די גאסן פון וויליאמסבורג

איין טאג האט איינער פון אנשי שלומינו געדונגען א טראק מיט א גרויסן סקרין וואס איז ארומגעפארן אין די וויליאמסבורגער גאסן און אויפגעשפילט מוזיק, ווידיאוס און חיזוק פון דעם ראש ישיבה.

דער ראש ישיבה האט אבער געזאגט אז וויליאמסבורג איז נישט דער פלאץ פאר דעם. דאס קען מען טון אין בארא פארק. אין

וויליאמסבורג זאל מען בלויז אנצינדן מוזיק אן קיין סקרין...

דער ראש ישיבה האט אין יענע טעג ארויסגעגעבן איין ניגון נאכן צווייטן, וואס איז שפעטער געווארן די סי.די. "טאנץ מיט קאראנע", ווי אויך האט דער ראש ישיבה ארויסגעגעבן מוזיק ווידיאוס אויף אלע די ניגונים.

אין די טעג פון בעפאר פסח איז גאנץ וויליאמסבורג געווען פארשפארט. דער ראש ישיבה פלעגט דאן גיין יעדן צופרי' אין מקוה אין קלעסן שול און שבת אין טעטה שול. אויך אדווארי מקוה איז געווען אפן. נאר די דריי מקואות זענען געווען אפן אין גאנץ וויליאמסבורג!

## שרייב עס אפ

דער ראש ישיבה האט דאן געזאגט פאר אנשי שלומינו: "שרייבט אראפ וואס דא גייט פאר, ווייל א טאג וועט קומען וואס אדער וועט מען לייקענען אז מיר זענען געווען אפן, אדער וועט מען שרייען אז יעדער איז געווען אפן..."

די פחדים זענען דאן געווען אין די ערב פסח טעג ממש אומבאשרייבליך. קיין נברא האט זיך נישט געדרייט אין גאס, אלע געשעפטן זענען געווען פארשפארט. די צייטונגען האבן ארויסגעלייגט יעדע וואך גאנצע בלעטער "זכרון להולכים", בלעטער נאך בלעטער פון פרישע נפטרים. ס'איז געווען פחד פחדים!




דער ראש ישיבה פלעגט פארלערנען, און ביי יעדן שיעור נאכאמאל מחזק געווען אז מ'זאל זיין פרייליך. "דער הייליגער רבי זאגט אז פאטשן מיט די הענט נעמט אוועק אלע דינים. נישט דא פון וואס מורא צו האבן, די קאראנע הרג'עט נישט, ס'איז נאר די פחדים וואס הרג'ענען די מענטשן."

## דער ראש ישיבה ווערט אנגעשטעקט מיט קאראנע

א וואך פאר פסח איז דער ראש ישיבה אפגעפארן אין שטעטל פאר פסח. דער ראש ישיבה האט דאן באנייט זיין הויז. דער ראש ישיבה איז דאן אנגעשטעקט געווארן מיט קאראנע, אבער גארנישט ארויסגעוויזן, נאר אנגעגאנגען כאילו לא היה!

דער ראש ישיבה האט שפעטער פארציילט אז איין טאג איז ער געווען אויפן וועג פון זיין שטוב צו די שול, וואס איז נאך דאן געווען ביי דעם מנהל הרב אברהם משה שליט"א אין בעיסמענט, און דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן שפירן גאר שוואך. ער האט זיך אראפגעלייגט ביים זייט גאס און געבעטן דעם אייבערשטן אז קיינער זאל אים נישט טרעפן ליגן דארט, אז קיינער זאל נישט אנגעשראקן ווערן.

## פסח אין שטעטל

יענעם פסח האט מען געדאווענט אלע תפילות ביים מנהל אין בעיסמענט אין די אלטע שול. די היינטיגע האשקי שול איז נאכנישט געווען דאן אין באנוץ. די מצב אין שטעטל איז געווען היבש רואיגער ווי אין שטאט, און די סדר החיים איז אנגעגאנגען כמעט ווי געהעריג, אומגעשטערט.

איין טאג ביי די תפילות חול המועד איז די פאליציי דורכגעפארן און געזען פילע קארס אינדרויסן פונעם מנהל'ס הויז. ער איז גראד געקומען קלאפן אויפן טיר און פארהאלטן וואס דא גייט פאר. מ'האט זיך דאן אויסבאהאלטן אין די אויבערשטע צימערן ביים מנהל אינדערהיים, און ברוך השם די פאליציי איז אוועק.

די איבריגע טעג חול המועד איז מען אריבער דאווענען צו מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו אינדערהיים. מ'האט זייער שטרענג אנגעזאגט אז קיינער זאל נישט קומען מיט די קארס, נאר צוויי-דריי מענטשן זענען ארומגעפארן דעם שטעטל און אויפגעפיקט די עולם.

אויף די צווייטע טעג איז מען שוין צוריק געגאנגען צום מנהל'ס בעיסמענט דאווענען אלע תפילות, און ברוך השם אלעס איז אריבער בשלום און ס'איז געווען גאר א פרייליכער




יום טוב!

נאך פסח איז מען צוריק קיין וויליאמסבורג. די מצב איז שוין געווארן אביסעלע רואיגער נאך פסח. דער ראש ישיבה האט דאן געריקט דעם שיעור פון דעם קלאס צימער צו דער לאנטש רום, נאכנישט אויף דעם געהעריגן פלאץ, אבער שוין נישט אזוי באהאלטן...

יעדן טאג נאך חדר איז דער ראש ישיבה ארויף מיט דעם מנהל הרב מרדכי אינדיג שליט"א אויפן דאך פונעם בנין צו שעפן פרישע לופט און דאנקן דעם אייבערשטן אז נאך א טאג איז אריבער וואס די מוסד האט געקענט זיין פולקאם אפן!

## די ישיבה און חדר גייט אן

ס'איז געווען זייער שרעקעדיג... יעדער פאליס קאר וואס איז אדורכגעפארן סקילמאן, איז מען געווען זיכער אז דאס איז עס, זיכער האט מען אונז אנטדעקט, זיי קומען זיכער צו אונז. און אזוי ווי זיי זענען ווייטער געפארן, האט מען אפגעאטעמט.

די ישיבה איז ווייטער אנגעגאנגען אויף דעם וועג ביזן זומער. אלעס איז געווען פארשפארט, פארקנאקט, אבער די ישיבה איז אנגעגאנגען כאילו לא היה.

ראש חודש אייר איז געווען די חתונה אין ישיבה פון מו"ה אליעזר שמן הי"ו. ס'איז נאך אויך געווען זייער אנגעצויגן דעמאלט די מצב. און שפעטער, ל"ג בעומר, איז געווען די חתונה פון מו"ה יקותיאל פעלדמאן הי"ו. די חתונות זענען נאך געווען אונטער שלאס און ריגל, אבער שוין נישט מיט דעם פחד פון פריער...

## זומער אינטערן שאטן פון קאראנע

זומער איז געווען זייער א שווערער זומער. די אינסטאנצן האבן נישט געלאזט עפענען די קעמפס. דער ראש ישיבה האט דאן מחליט געווען אז מ'גייט מאכן קעמפ אין שטעטל.

די בחורים זענען געשלאפן ביי מו"ה נחמן שמואל יאקאבאוויטש הי"ו אין בעיסמענט, די מיידלעך זענען געשלאפן ביי מו"ה שבתי מזרחי הי"ו, און די אינגלעך זענען געווען ביי מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו.

די עסן פראגראמען וואס די קעמפס באקומען געווענליך פונעם שטאט איז פארשטייט זיך נישט געווען יענע יאר... אלע עסן פאר די קעמפס איז געקומען פונעם בית התבשיל.

מו"ה אליעזר שמן הי"ו האט דאן פארשאפט א ווארמער צו קענען אנווארעמען דאס עסן. איך פלעג יעדע נאכט גיין צום בית התבשיל ביי מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו. ער האט געהאט געקויפט אויף יענעם זומער צווי ריזיגע קאמערציעלע פריזערס, און איך האב אנגעהויבן צוזאמענצושטעלן בעקעלעך עסן, וואס גייט מיט וואס, און עס אנגעגרייט פאר אלע דריי קעמפס אויף דעם קומענדיגן טאג.

אויף יענעם זומער האט מען באנייט די נייע שול אויף האשקי (די היינטיגע אלטע שול). די מקוה איז נאכנישט גרייט געווען, איז מען יענעם זומער געגאנגען אין מקוה אין פארק סלאופ, א באנגעלוי קאלאני פינף מינוט פון שטעטל. מ'האט זיי באצאלט און דארט איז מען געגאנגען אין מקוה.

מו"ה שמעון פיש הי"ו האט געהאט געקויפט אזא קליינע טרעילער פאר די קענטין פאר יענעם זומער, און ס'איז געווען פארקירט צווישן דעם ביהמ"ד און די דארמיטארי. דער זומער איז ב"ה אריבער בשלום, ס'איז נישט געווען קיין שום אינצידענטן.

נאכן זומער איז מען צוריקגעקומען קיין וויליאמסבורג. די גאסן זענען ווייטער געווען ליידיג, די מוסדות און שול ווייטער פארמאכט, די געשעפטן ווייטער פארשפארט, אבער די געמיטער האבן זיך שוין דאן געהאט היבש בארואיגט. מענטשן זענען שוין נישט געווען אזוי נערוועז ווי אין פסח צייט.

**ביז דא איז חלק א' פונעם הערליכן שמועס וואס מיר האבן אפגעהאלטן מיט מו"ה לייבי ראטה הי"ו. קומענדיגן וואך וועלן מיר אריבערגיין צום חלק פון פארן יענעם יאר קיין אומאן אויף ראש השנה. דער ראש ישיבה איז געפארן קיין אומאן, און צוריקגעקומען פראווען ראש השנה אין שטעטל.**

**עס איז געווען געציילטע פון אנשי שלומינו וואס זענען מיטגעפארן מיטן ראש ישיבה קיין אומאן, לייבי איז געווען פון די וואס זענען מיטגעפארן. ער וועט אונז פארציילן ערשהאנטיג וואס ס'האט זיך דארט אפגעטון.**

**פאר א פולע ערשטמאליגע באריכט לייענט קומענדיגע וואך אי"ה.**

# קלאסיפיידס

## הערליכע דירה

א הערליכע פריוואטע דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו הבעל"ט.
אנטהאלט 4 שיינע בעדרומס, 2 טוילעטס, מיט א שיינע לאט

**רופט** 917-501-5100

## טייטלבוים דריי גודס

מיר ווילן לאזן וויסן פאר אונזערע חשובע קאסטומערס אז אי"ה דאס יאר וועלן מיר קענען אנגעמען צו מאכן סימס אויף טייטס ביז ראש חודש ניסן.
ווי אויך ווילן מיר לאזן וויסן אז פאון ארדערס וועלן ווערן אנגענומען ביז ו' ניסן 3/24.
ווי עס ווארט אייך צו סערווירן די דריי גודס

**רופט** 845-747-5552

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה ישראל שלום זעלקאוויטש הי"ו**

וזוגתו יענטא ריזל תחי'

**צו די שמחה פון צוויי אייניקלעך למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שלמה ניימאן הי"ו**

וזוגתו סילקא תחי'

**צום נייעם אינגל בעבי למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יואל חאלאבי הי"ו**

וזוגתו חי' רחל תחי'

**צום נייעם אינגל בעבי למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

# מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אשר לעמיל זוסמאן הי"ו**

וזוגתו פערל תחי'

**צו די שידוך שליסן פון א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יעקב לעזער שליט"א**

וזוגתו שרה חנה תחי'

**צו די שידוך שליסן פון החתן אברהם נ"י**

**עב"ג**

**מו"ה עזרא בוים הי"ו**

וזוגתו אסתר תחי'

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה וואלף זעלקאוויטש הי"ו**

וזוגתו שרה תחי'

**צום נייעם אינגל בעבי למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם אלי' זעלקאוויטש הי"ו**

וזוגתו ריסא תחי'

**צום נייעם אינגל בעבי למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב









**פרייליכע חתונה פון החתן חיים נחום הי"ו בן מו"ה נפתלי קארנבלי הי"ו עב"ג בת מו"ה אלימלך שארף שליט"א**

קרעדיט: אייזיק ראטה, יוסי פרעדוויא, איציק



סעודת ברית פון הילד בן מו"ה שמעון קארדוזא הי"ו



שיעור אין הלכות פורים פאר די ישיבה און כולל
אינגעלייט דורכן דיין שליט"א





וואכנאכט אין ברית פון הילד חיים זאנוויל ני"ו בן מו"ה מנחם מענדל שימשאוויטש הי"ו





דער דיין שליט"א אויף א באזוך אינעם קאסטאם שאו רום געשעפט אין בארא פארק



מסיבה פארן כולל היכל הקודש אין שטעטל



לחיים ווארט תנאים פון החתן שמחה וויינבערג ני"ו
עב"ג בת מו"ה אשר לעמיל זוסמאן הי"ו אין שטעטל











**בר מצוה פון הבחור יצחק דוד נ"י בן הראש ישיבה שליט"א אין ישיבה - מוצש"ק תצוה תשפ"ו**




פורים מסיבה אין תלמוד תורה היכל הקודש בית שמש - א׳ כי תשא תשפ״ו




פורים שפיל אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית ברסלב




מחצית השקל און קריאת המגילה אין היכל הקודש בני ברק - ליל פורים תשפ״ו




קריאת המגילה אין שטעטל - ליל פורים תשפ״ו



הנחת תפילין פון הבחור יצחק דוד נ"י בן הראש ישיבה שליט"א אין ישיבה



קריאת המגילה אין היכל הקודש צפת





קריאת המגילה אין היכל הקודש בית שמש - ליל פורים תשפ"ו



די געטרייע עסקנים פונעם רענט קאמפיין ביים אויפטויישן געלט פאר צדקה אין ביהמ"ד אין שטעטל



דער געטרייע מנהל פונעם וועד העירוב ביים צאמנעמען געלט אין שטעטל



לחיים פון החתן אברהם נ"י בן מו"ה יעקב לעזער שליט"א עב"ג בת מו"ה עזרא בוים הי"ו



חברת תהילים מיט די חשובע קינדער אין שטעטל - תענית אסתר תשפ"ו



קריאת המגילה אין ישיבה - ליל פורים תשפ״ו



קריאת המגילה אין ביהמ״ד היכל הקודש ירושלים





די בחורים פון ישיבה ביים משמח זיין אין אידישע הייזער - ליל פורים תשפ״ו









פרייליכע ריקודים נאך שחרית אין ביהמ״ד היכל הקודש בני ברק - פורים תשפ״ו









**משתה היין אין ישיבה - פורים תשפ"ו**













**פארשטעלונג דורך די בחורים פון ישיבת היכל הקודש ירושלים אין ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים**





**משתה היין אין ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים - שושן פורים תשפ"ו**









**שושן פורים סעודה אין ישיבה - שושן פורים תשפ"ו**







פארשטעלונג לכבוד פורים דורך אנשי שלומינו אין ישיבה - שושן פורים תשפ״ו



בס"ד

פרשת ויק"פ
אויסגאבע # 12

# אינדערהיים

א גרויס פון
קהילת עשירים
**ל. וועבערמאן**

וועלכע נאמען
טראגסטו?
**ג. פעקעטע**

איך ברויך יוך
**ש. ל. פליישמאן**

# איין גרויסע קוגל

ש. טראכטער

# אינהאלט



8


16



**בס"ד**
פרשת
ויקה פקודי
תשפ"ו
**נומער 12**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
פ. גליק



**845.379.1161**

136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747

**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**

אידישע שטוב:
**212.444.9169**



ג. פעקעטע

# וועלכע נאמען טראגסטו?

**"מאך זיך א צייכן אויף דיין שטערן", האט ער געʼעצהʼט "אז ווען איך וועל דיר אנקוקן וועל איך זיך כאטש דערמאנען אז איך האב געקענט א קלארן".**

איך האלט אין איין שפעקולירן, וואו איז דער קלארן?

ס'איז מיר אויסגעקומען אין די לעצטע פאר וואכן - נישט יעצט ממש, נאר נאך א גוטע פאר וואכן פאר פורים, זיך צו טרעפן מיט פרויען אויף דריי באזונדערע געלעגנהייטן.

איינמאל האבן זיך אפאר שכנים צוזאמגענומען, און פארשטייט זיך, ביים באגעגענען, האט שרי אויסגערופן "האסטו געזען וואס Silly Sally Saucer פארקויפט פאר די נייע סיזאן? ס'איז פרעסי, דו מוזט עס זען!" האלב האבן נייגעריגערהייט זיך צוגעבויגן צו זען וואס שרי ווייזט - א סקרינשאט וואס זי האט באקומען פון איר שוועסטער'ס שכן'טעס חבר'טעס קוזינ'ס מומע, וואס האט געזאגט אז דאס קויפט מען יעצט פאר די נייע סיזען. די צווייטע האלב האבן זיך ניטאמאל געדארפט בייגן, ווייל זיי האבן גלייך געפרעגט, "דו רעדסט פון די ווייסע קלייד מיט די מינט-גרין טרימינג?" זיי האבן אליין געוואוסט וואס שרי ווייזט און רעדט וועגן, דאס איז דאך די זאך, דאס איז וואס מ'מוז יעצט קויפן.

ס'שטורעמט אינדרויסן, די שניי הערט נישט אויף פאלן, אבער דאך מוז מען שוין האבן די שניי-ווייסע קליידער מיט וואס די קינדער

וועלן קענען ארויסגיין שבועות נאכמיטאג, אנגעטון אייניג, נישט נאר מיט די אייגענע געשוויסטער, נאר אויך מיט די גאנצע שכנות. "דאס איז יעצט די זאך," האט שרי פארענדיגט.

איך האב געהאלטן מיין מויל פארשלאסן, אבער איך האב געפילט ווי ס'רינט שוין ארויס די ווייסע שוים וואס האט אנגעהויבן אין מיר שוימען. וויאזוי קען זיין אין אזא פרעסטיגע וועטער דארף איך זיך זארגן וואס מיינע קינדער וועלן גיין שבועות אנגעטון?

און לאמיר זאגן אז איך וויל טאקע זיין "ahead of the game" ווי מען זאגט, איז אזוי געפערליך אויב איך האב נאכנישט געזען די ווייסע קלייד מיט די גרינע "trim" פון 'סילי סעלי סויסער'? און ס'קען טאקע זיין אז איך וועל עס פארפאסן און נישט קענען טרעפן די ריכטיגע "sizes" פאר מיינע קינדער ווייל איך בין אנגעקומען בלויז צוויי וואכן נאך פורים צו גיין קוקן אין געשעפטן, און נישט א חודש צוויי פארדעם ווען איך האב נאך געהאלטן אינמיטן אוועקפאקן די חמשה עשר שערייעם?

די נעקסטע מאל האט זיך די משפחה צוזאמגעקומען, און אזוי שמועסנדיג קומט ווידער ארויף 'סילי סעלי סויסער' אויפן טיש.

"למעשה," רופט זיך אן איין שוועגערין, "אויב איך וועל עס נישט יעצט גיין קויפן, וועלן זיי מער נישט האבן דאס וואס איך זוך. כאטש איך האב געטראכט פוןווארטן אביסל און גיין קויפן ווען ס'גייט שוין זיין אויף 'סעיל' א וואך צוויי נאך יום טוב פסח, ווייל דעמאלטס איז שוין די 'סיזען' פון איינקויפן פאר די קומענדיגע 'סיזען' לאנג פארביי, נאך איידער די וועטער איז אפילו ווארעם געווארן. אבער איך האב איינגעזען אז אויב איך וועל נישט יעצט כאפן וועל איך בלייבן אן גארנישט."

איך בין אויך געבליבן אן גארנישט זאגן, מיין צונג איז געבליבן אינווייניג, אבער איך האב אמת'דיג אנגעהויבן טראכטן צו ס'פעלט מיר עפעס אז איך האב נישט קיין פראבלעם צו קויפן קליידער אין 'מידיפוק' אין די צייט ווען איך דארף עס, אנשטאט לויפן חדשים פאראויס און אפליידיגן די שעלווס פון 'סילי סעלי סויסער', וואס יעדע קלייד האט דארטן א פרייז טעג וואס ענדלט געווענליך צו מיין שבת ארדער.

שפעטער האב איך זיך געטראפן מיט א דריטע גרופע פרויען וואס האבן זיך צאמגעקומען, און believe it or not, די ערשטע זאך וואס מ'האט ארויפגעלייגט אויפן טיש איז געווען די ווייס און גרינע קלייד וואס 'סילי סעלי סויסער' פארקויפט. די פרויען האבן ניטאמאל געדארפט זאגן פון וואס ס'רעדט זיך און וואס מ'זעט דא, נאר זיי האבן אלע אנגעהויבן זינגען די זעלבע ניגון אז איך האב אזוי שטארק געוואלט קויפן די קלייד, אבער די געשעפט איז אזוי איבערגעפילט, ס'קוקט אויס ווי מ'צאלט נאך צו פאר די עולם צו קומען קויפן ביי זיי, ווען די מציאות ווייזט זיך ארויס אז די איבערגעפילטע געשעפט, ווי



מענטשן כאפן קינדער קליידער ווי ס'וואלט ווען געווען פאפקארן, איז פון די טייערסטע געשעפט אין שטאט.

צו אלעמען האב איך שפעטער נאכגעהערט, פון א קלארן חבר'טע, ווען איך האב דאס אויסגעשמועסט מיט איר, אז האלב - אויב נישט מער - פון די איינקויפער ביי 'סילי סעלי סויסער', נאכן כאפן זייערע מציאות, זיך שטיפן און קריכן אויף הענט און פיס צוצוקומען צו כאפן די לעצטע שטיקל וואס איז פארבליבן פון דעם מאס, ביים באצאלן זינגט מען די אומאנגענעמע ניגון וואס לאזט וויסן פאר אלע ארום אז די קרעדיט קארד איז שוין אויסגעמעקסט, איבערגעפילט, און גייט נישט אדורך, דאן פרובירן זיי נאך איין און נאך איין, און צומאל הערט זיך די אומבא'טעמ'טן שמועס מיט'ן מאן, איבער די קולות פון געשעפט אז "יא - איך מיז עס קויפן, ס'איז נישט קיין luxury - ס'איז אמת'דיג א neccesity - פונקט ווי דיין steakhouse dinners מיט די Crew," אדער "ס'איז נאך אזוי וויכטיג ווי דיין יארצייט לחיים'ס פאר יעדע שני וחמישי".

ס'איז אינטערעסאנט צוצולייגן אז רוב פון די פרויען פון וועם איך רעד זענען געווען א גרופע פרויען וואס ארבעטן זייער שווער צו ארויסהעלפן זייערע מענער בלייבן ביים "לערנען", ווי מ'רופט עס. און זיי, די פרויען, מאמעס מיט קליינע פיצלעך קינדער, שלעפן זיך ארויס יעדע אינדערפרי צו גיין מאכן אפאר דאלער אלס לערערינס, וואס ווי באקאנט באקומט מען נישט קיין גרויסע געהאלט. אבער דאס זענען די פרויען וואס שפירן עס פאר וויכטיג צו גיין כאפן די מאס פון 'סילי סעלי סאוסער' פאר ס'לויפט אויס.

דאן האט מען מיר געמאלדן און פאניק אז די מינט גרין לאופערס - שיך זענען אויספארקויפט געווארן דעם ערשטן טאג וואס עס האט גע-היט די שעלווס. צו וועלן מיינע קינדער דארפן גיין בארפיס דאס יאר??

'וואס איז שלעכט אז איך קויף מיינע קליידער פאר די קינדער אין zuccini?' טראכט איך צו זיך. 'עס טוט דאך די זעלבע תכלית. מיינע קינדער ווערן אנגעטון פריש און שיין לכבוד די נייע סיזען - לכבוד שבת און יום טוב, ווי אויך די פאר קליידער וואס זיי דארפן האבן פאר די ווארימע וועטערס. עס פעלט מיר עפעס אז איך קויף נישט אין 'סילי סעלי סאוסער'?'

און אז איך קויף איין און באזאר א הערליכן שטאפיר פאר די גאנצע משפחה - פון קליין ביז גרויס, פון קאפ ביז Toes- ווער איך שוין אראפגעקוקט און גערעכנט אלס "נישט א נארמאלע פרוי- נאר ווי א חיה אין די מדינה פון געלט" ווי דער רבי פארציילט אין די מעשה פון דער בעל תפילה?

עס האט מיר דערמאנט די מעשה וואס דער רבי האט פארציילט: א מלך האט אמאל געזאגט זיין שני למלך, אזוי ווי איך בין א שטערן זעער, זע איך אז אלע תבואות וואס וועלן וואקסן אין דעם יאר, ווער עס וועט עסן דערפון וועט ווערן משוגע. דעריבער פרעגט דער מלך פונעם שני למלך אן עצה וואס זאל מען טאן דערצו.

האט דער שני למלך געענטפערט ווי פאלגנד: מען זאל אנגרייטן פון די יעצטיגע תבואה און אוועקלייגן דערפון אזוי אז מען זאל נישט דארפן עסן פון די נייע תבואה, און אזוי וועט מען ניצול ווערן פון משוגע ווערן.

האט דער קעניג געענטפערט אויב אזוי אז יעדער וועט זיין משוגע און נאר מיר וועלן נישט זיין, דעמאלט וועט יעדער איינער האלטן אז מיר זענען די משוגעים, דעריבער איז נישטא קיין עצה נאר אז מיר וועלן אויך מוזן עסן פון די תבואה, אבער דאס מוז מען אבער אויך טון אז מיר זאלן מאכן עפעס א סימן אויפ'ן שטערן מיר זאלן על כל פנים וויסן אז מיר זענען משוגע, און ווען איך וועל קוקן אויף דיין שטערן און די זעלבע זאך ווען דו וועסט קוקן אויף מיין שטערן, וועלן מיר כאטש וויסן פונעם סימן אז מיר זענען משוגע.

לאמיר אויסהערן די שיעורים וואס דער ראש ישיבה איז מחזק די אידישע פרויען נישט נאכצולויפן עולם גולם, אויסנוצן דעם מאנ'ס געלט פאר שטותים והבלים, אביסל כבוד וואס דו וועסט סיי ווי נישט פארדינען פון אנטון דיינע קינדער אין די טייערסטע קליידער.

מ'קען טרעפן שיינע זאכן וואס האט טאקע נישט די 'נאמען' וואס יעדער וועט קענען זאגן "דאס איז פון סילי סאלי סאסער", אבער דו וועסט בלייבן מיט 'דיין' משפחה נאמען, ס'וועט בלייבן א געזונטע טאטע אויף יום טוב, א מאמע מיט א מח צו קינדער, און א געזונטע שטוב ווי מ'קען זיך אריינקוקן און אויגן - ווייל מ'דארף זיך נישט קריגן וועגן די קליידער, מ'דארף זיך נישט הרג'ענען ווייל יעדער איינער טוט אזוי און איך מוז עס נאכטון.

"אייבערשטער העלף מיך לעבן פאר דיר, פירן א געזונטע ערליכע אמת'ע לעבן מיט נאר איין ציל - דיר צו געפעלן."

# אויפן וועג אהיים

צוזאמענבײַיים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## איך ברויך יוך...

צוויי בענקלעך אפגעריבן,
גוט אויסגענוצט און אלט,
א טיש וואס שאקלט זיך,
כמעט וואס עס צופאלט...

וואו מען קוקט זיך אום,
וואו דאס בליק עס פאלט,
די דאך, די ווענט ארום,
ארעמקייט פארציילט...

דא עס האט דער צדיק,
אויסגעוועלט צו זיין,
דער הייליגער רבי ר' אלימלך,
געקומען דא איינשטיין...

בודקעלע קליינטשיג,
איינגעפאלענע הייזל,
דער צדיק רוהט אין דיר,
אזא לעכטיגע מזל!

שטייט דער מכניס אורח,
אין פארלעגנהייט,
ער האט פארן צדיק,
גארנישט צוגעגרייט...

ער קוקט אויף זיין ווייב,
פרעגט איר מיט קווענקל,
קענסט קאכן עפעס פריש,
פון וואס ליגט אין שענקל?

זי ענטפערט אין געדאנק,
"מיט מיין גאנצע הארץ",
זוכט אינעם גארנישט,
עס ווערט איר פינסטער שווארץ...

זי מערקט אין די זייט,
א קליין זעקל מעל,
זי וועט קאכן פון דעם,
פארן צדיק ספעציעל...

אין טאפ זי מישט צאם,
וואסער, מעל, און זאלץ,
אירע ליפן שטיל שאקלען,
א קול פון איר האלז...

"באשעפער, איך בעט,
הערסט אלעס און זעסט...
געב אריין אין דעם זופ,
א געשמאקע taste...

דער הייליגער רבי ר' אלימלך,
האט פון דעם הנאה,
ס'איז זופ פון גן עדן,
א טעם עולם הבא...

אסאך יארן שפעטער,
דער צדיק דערמאנט:
איך וואלט געוואלט האבן,
דעם טייגל זופ היינט...

נאנטע מקורבים,
הארציגע געטרייע,
ווילן אזוי שטארק,
דעם צדיק זיין מחי'...

אפילו ס'איז שווער,
פיל כוחות עס קאסט,
די פערד איינגעשפאנט,
און זיך ארויסגעלאזט...

צווישן ביימער געדעכטע,
פארן אין די וועגן,
ווי אזוי מ'מאכט די זופ,
וועלן זיי איר פרעגן...

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

ש. ל. פליישמאן

מען קומט שוין אט אן,
מען זעט פונדערווייטן,
א בודקעלע א קליינע,
פון גאר אלטע צייטן...

זי קוקט מיט וואונדער,
קראצט אויף איר זכרון,
זענט איר יעצט געקומען,
צוליב דעם צו פארן?

דער צדיק איז געווען,
פון מיין זופ געפלעפט,
נישט צוליב א spice,
אן עקסטערע רעצעפט...

איך האב נישט געפינען,
מיט וואס צו קאכן,
געבעטן מיט געפיל,
מיט א הארץ צובראכן...

דער צדיק וואס פאר אים,
איז גארנישט פארהוילן,
האט געשפירט מיין תפילה,
כ'האב געטון אויס'פועל'ן...

**די שמאלץ, די געשמאק,**
**וואס איז די פעפער...**
**אז כ'האב געבעטן,**
**דעם הייליגן באשעפער!**

~~~

האסט צוויי ליפן?
מאך א טייגל זופ!
כי קרוב אליך,
ס'נישט קיין וייטע טריפ...

ווען אין קאך דו שטייסט,
דו טוסט דעם טאפ מישן,
בעט, באשעפער please,
לייג אריין nutrition...

צופרי, ווען דער זייגער,
לאכט דיר אין פנים,
וויש אריין א תפילה,
פאר ערליכע בנים...

בשעת דיין ארבעט,
בעט נאכאמאל,
פאר מיין קינד זאל זיין גוט,
אין חדר און אין סקול...

האסט נישט קיין כח,
מאך א טייגל זופ!
בעט, באשעפער please,
איך דארף א גוטע שטופ!

ס'איז פאר אונז א message,
א טאג טעגליכע מוסר,
מיט א לעפל תפילה,
ווערט דאס לעבן זיסער...!!
~~~

ש. טראכטער



# איין גרויסע קוגל

היינט בין איך אן כת. איך ווייס נישט. איך שפיר ווי אלעס גייט מיר מיטן קאפ אראפ. די רוימערקע איז נישט אנגעקומען און קענסטו מיר מסביר זיין וואס מען טוט מיט א שכנ'טע וואס איר גאנצע חיות איז א צווייטנס לעבן? וואס וויל זי פון מיר? און מיין משה, זיין מלמד רעדט זיך אפ. ער כאפט נישט אויף די עברי.

„געדענקסט דעם שיעור פונעם ראש ישיבה, וואו ער האט גערעדט פון מישן לעטשא און זינגען אין עוד מלבדו? יא? וואס טוט מען ווען די לעטשא איז שוין פארברענט פון אזויפיל מישן און דער מאן איז נאך אלץ נישט דא? איך פיל ווי איך פלאץ! באמת. מיט אלע שיינע שיעורים.

„שוין, וואס רעד איך זיך אפ? אבער ווייסט וואס איך מוז דיר זאגן, איך רעד זיך נישט אפ, איך רעד זיך אויס. מיר דארפן א נס מיט פרנסה. מיין מאן האט שוין נישט קיין ארבעט זייט נאך סוכות, און דער לענדלארד סטראשעט אז ער וועט אונז ארויסשטעלן."

„וויאזוי געט מען זיך אן עצה מיט א קינד וואס קריכט ארויין פון איין סטרעפ צו א צווייטן, פון פלו צו קאוויד? מיינע נערוון זענען שוין צעשפילט! זייט סוכות האב איך יעדע וואך א צווייטע קינד אינדערהיים, און מיין בעיבי קע"ה לאזט זיך הערן, אפגערעדט אז מיין שוויגער מאכט חתונה אין צוויי וואכן

ארום און מיין בלוטדרוק איז גאר גאר הויך. איך האב נישט וואס אנצוטון פאר מיר און פאר די קינדער און איך האב נישט קיין כח צו דער דרוק, די פרעשור פון די גאנצע מעשה. קענסטו מיר מסביר זיין פארוואס אלע אייניקלעך דארפן גיין אנגעטון מיט די זעלבע קליידער? איך האב נישט די איבעריגע $150 יעצט דערפאר.

„אז מיר רעדן שוין, מוז איך זיין אויפריכטיג. איך האב מער נישט קיין כח צו דעם גאנצן סטרעס ארום ברסלב. איך האב נישט כח צו דעם דרוק פון די ארומיגע. איך ווייס נישט. וואס וועט דא זיין?"

דער ראש ישיבה זאגט שטענדיג אז דער מענטש זאל נישט נעמען אלע זיינע פראבלעמען און מאכן דערפון איין גרויסע קוגל. יעדע זאך איז אן עקסטערע נושא פאר זיך וואס קען בס"ד אויסגעקלארט ווערן. דאס איז א שטארקע שכל אין לעבן בכלל.

מיין חבר'טע האט מיר נאכגעזאגט די זעלבע נקודה נאר מיט א משל. צומאל נעמען מיר אונזערע מצבים אין לעבן און מיר מאכן דערפון א "SPAGHETTI" (ספגטי) אבער ריכטיגער און געזונטער איז צו לעבן דאס לעבן ווי א WAFFLE (ופל).

דער יצר הרע קומט און מאכט פון אלע פראבלעמען איין גרויסע פראבלעם. דער מאן, מיט די קינדער, מיט די טאטע-מאמע, די אפגעזאגטע פרוי, דער מצב הפרנסה, דאס קינד וואס שפירט נישט גוט, מיינע מידות, מיין סבלנות... בקיצור, אין קורצן... מיין לעבן איז א דורכפאל.

דאס איז אבער א טאקטיק פון יצר הרע און ווי דער רבי זאגט אין שיחות הר"ן דארף זיך א מענטש זייער קלוגן און מיט טריקס אים אויסשפילן און איבערקלוגן.

אויב דער יצר הרע קומט מיט א גאנצע שיסל פון פראבלעמען, לאמיר עס מסדר זיין.

א שאד זיך צו באקלאגן און זיך לאזן פון אים. לאמיר עס צעטיילן אין שיינע קעסטעלעך.

קעסטל 1: די קינדער זענען אין שטוב וואך נאך וואך.

## א שאד צו נעמען אלעס אינאיינעם און מאכן א שווארצע בילד פון איין גרויסע צעמישטע ספעגעטי. לאמיר ענדערש אריינלייגן אלעס אין א קעסטל און מסדר זיין איין זאך אויפאמאל.

קעסטל 2: מיר דארפן א נס מיט פרנסה.

קעסטל 3: די שוויגער מאכט חתונה. איך דארף האבן קליידער פאר אלעמען.

קעסטל 4: איך בין זייער מיד און איך האב נישט די לוקסוס פון כאפן א דרימל.

קעסטל 5: איך וואלט זייער געוואלט מיין מאן זאל מיר העלפן מיט די קינדער.

קעסטל 6: איך פארליר זיך אזוי אפט אויף די קינדער.

בסדר. עס איז טאקע א פראבלעם. אבער מיר קענען בס"ד מסדר זיין קעסטל נאך קעסטל. די ערשטע עצה איז צו מאכן נייע קעסטלעך.

קעסטל 1: שכח אייבערשטער איך האב געזונטע קינדער.

קעסטל 2: שכח אייבערשטער איך האב א מאן.

קעסטל 3: שכח אייבערשטער איך האב אלעמאל געהאט א הויז, עסן און קליידער.

קעסטל 4: שכח אייבערשטער מיינע קינדער האלטן מיר אויף פון שלאף און נישט אנדערע זארג און דאגות.

און אזוי ווייטער און ווייטער.

דאס איז דער לימוד פון רבי'ן. "בצר הרחבתי לי", זיך אין די צרה, אין דיין פראבלעם, דיין ענגשאפט, געפין עפעס אויף וואס דו קענסט זאגן "שכח אייבערשטער" און דו וועסט זען וויאזוי דיין מח וועט דיר ווערן ברייטער, און דו וועסט קענען טראכטן ברייטער.

א שאד צו נעמען אלעס אינאיינעם און מאכן א שווארצע בילד פון איין גרויסע צעמישטע ספעגעטי. לאמיר ענדערש אריינלייגן אלעס אין א קעסטל און מסדר זיין איין זאך אויפאמאל. וויאזוי?

אין ברסלב איז אלעמאל דא א געווינער קארטל, וואס הייסט "תפילה!"

דאס איז טאקע די געוואלדיגע מתנה פון התבודדות. אויך האבן מיר די שיינע עצה פון תלמידות בית פייגא (און זייערע מאמעס!) אז מען זאל זיך מאכן א "תפילה ליסטע". אויף דער ליסטע גייען ארויף אלע "פראבלעמען, דאגות, רצונות, שאיפות פון

רוחניות און גשמיות." און פארשטייט זיך אויך א "שכח אייבערשטער ליסטע" וואס דאס גיט כח און מח!

דאס העלפט אריינלייגן אלעס אין קעסטלעך און העלפט זען אז מען קען אלעס בס"ד מסדר זיין, איין זאך אויפאמאל, איין תפילה אויפאמאל. און מען הייבט אן איינצוזען אז די בילד איז נישט אזוי שווארץ און נישט אזוי טונקל!

דער יצר הרע קומט און צעמישט אונז. ער וויל אלעס מאכן ווי איין גרויסע נעפל. אבער מיט'ן רבי'נס ליכטיגע עצות און אומשאצבארע מתנה פון תפילה והתבודדות קענען מיר ווערן די אייגענע טערעפיסט, די אייגענע "לייף קאוטש" און אזוי קלאר און שיין זיך אליינס אויסקלארן!

ווילסט אנקומען צו באקן חלות? צאמלייגן וועש? מסדר זיין די שטוב? רעדן צו דיין מאמע מער אפט? איינקויפן שטאפיר פאר די קינדער? זיך ערלויבן א נייע פאר שיך? באקומען א נייע רוימערקע? ווילסט דיין בעיבי זאל אדורכשלאפן די נאכט?

מיט תפילה... מיט תפילה באקומט מען "יעדע" זאך. קיין איין זאך איז נישט צו נישטיג און אומוויכטיג צו מאכן תפילה דערפון.

איר קענט אוודאי די מעשה אז מען האט אמאל געהערט ווי דער הייליגער צדיק רבי ר' אלימלך מ'ליזענסק זי"ע בעט דעם אייבערשטן, "באשעפער, שיק א גוטע דינסט מיידל פאר מיין פרוי."

די תלמידים האבן געפרעגט דעם צדיק מיט וואונדער, "דאס בעט איר פונעם אייבערשטן?"

האט דער צדיק צוריקגעפרעגט מיט וואונדער, "פון וועם דען זאל איך עס בעטן? פון דיר?"

דער הייליגער רבי נתן האט אמאל דערציילט פאר'ן הייליגן רבי'ן אז זיין רעקל האט זיך צעריסן. האט דער רבי געזאגט, "בעט דעם אייבערשטן." (ווייזט אויס אז ער האט געדארפט געלט פאר א נייעם...)

האט רבי נתן זיך פארוואונדערט, ווי איינער זאגט פאר אזא קלייניגקייט זאל מען אויך בעטן? האט אים דער הייליגער רבי מוסר געזאגט און געפרעגט, "עס פאסט דיר נישט צו בעטן פאר אזעלכע קליינע זאכן?"

געלויבט דעם אייבערשטן אז דער ראש ישיבה ברענגט אריין אין אונז מיט די כסדר'דיגע חיזוק אז אלעס זאלן מיר בעטן און אויסשמועסן מיטן אייבערשטן. און אז עס דרוקט מיר זייער, וועל איך "זייער אסאך" רעדן צום אייבערשטן. און אז איך שפיר ווי איך האב נישט א וועג, וועל איך פון דעם אליינס מאכן תפילה.

דער ראש ישיבה שליט"א גיט א גרינגע פראקטישע וועג וויאזוי מען קען גיין התבודדות יעדן טאג. נעם בלויז איין מינוט פון טאג. (א טאג האט 1440 מינוט, זאגט דער ראש ישיבה נאך כסדר פון מוהרא"ש) זעץ זיך אראפ מיט א זייגער און קוק: צוואנציג סעקונדעס דאנק דעם אייבערשטן, צוואנציג סעקונדעס בעט דעם אייבערשטן, און צוואנציג סעקונדעס בעט איבער דעם אייבערשטן.

עס איז א גרינגע פראקטישע וועג וואס יעדער קען יעדן טאג טון. הייב עס אן און זע ווי פון א פארקניפטע ספאגעטי ווערט א שיינע וואפעל וואס איז אנגעפולט מיט דאנק און לויב צום אייבערשטן!



ל. וועבערמאן

# א גרוס פון קהילת עשירים



מרת שלעפער שלעפט זיך פון די אויסגעגאסענע סיריעל באקס צו די איבערגערינענע וואנע. נאכדעם שלעפט זי זיך פון די צוגעברענטע פלייש צו די צוויי יעריגע וואס האט געטראסקעט פון בענקל, קוים זי שלעפט זיך צאמצונעמען אלע שפילצייג איר מאן זאל האבן ווי אריינצוטרעטן, קומט די אינגעלע מיט א כיטרע שמייכל און גיבט א גיס אויס די גאנצע קאנטעינער. צו די וויץ לייגט ער צו צוויי דריי שטויסעס צו צושפרייטן די קליקס מיט מענטשעלער אין יעדע ווינקל.

פאר נאך וויפיל יארן און טעג וועט זיך שלעפן די וויץ פון זיך דארפן שלעפן פון איין דורכפאל צום צווייטן? טראכט מרת שלעפער צו זיך. "באשעפער איך האב שוין נישט קיין כח צו שלעפן ווייטער" לאזט זי ארויס א קרעכץ.

איין טאג זיצנדיג אויפן סאפע צווישן די אויסגעגאסענע זופ אויף דער ערד און א סקורט ארומגעשמירט מיט פינאט באדער טראכט זי צו זיך: גענענדיגט, איך וועל זיך לכתחילה איינשרייבן אין קהילת שלעפער און פה אשב - דא וועל איך בלייבן זיצן פאר די איבעריגע פון מיין לעבן.

אזוי ווי לעצטע נאכט,

האט זי קוים אן אויג פארמאכט,

האט זי יעצט איר קאפ אנגעלאנט,

און די מלאך החלומות האט די אויבערהאנט.

זי זעט זיך מיט שווערע טריט שלעפן,

פון טיר צו טיר ארויף און אראפ די טרעפן,

זי קלייבט זיך צאם אפאר גראשן,

מיט א געזיכט אויסגעלאשן.

קליידער צאמגעשלעפט פון שמאטעס,

די ריסן פארראכטן מיט לאטעס,

די בילד זעט איר אויס שלעכט,

"אה, ב"ה ס'איז נישט עכט"!

איר חלום האט גוט ארויסגעברענגט אירע געפילן. זי פילט ווי די פארגעסענע שעפעלע אדער ווי א שטיקל צוקנייטשטע פאפיר. וואס איז מיין ווערד? סתם אויסגענוצט פון אלע זייטן.

. . .

דרייט זיך ר' יודל צווישן די הייזער קלאפנדיג אויף די טירן צו צאמקלייבן נדבות. זיינע קליידער זענען געווען פארלאטעט אבער נישט אין א חלום, די מעשה האט באמת פאסירט. דער טייערער איבערלעבער איז אויף אן אמת געווען אויסגעליידיגט פון יעדע ביסל האב און גוטס, פון די גוטע צייטן האט ער שוין פון לאנג פארגעסן, זיין איינגעבויגענע רוקן פארציילט זיינע געפילן, יא ער שפירט ווי מר. שלעפער, ער שפירט ווי א פארגעסענע שעפעלע אדער ווי א שטיקל צוקנייטשטע פאפיר. אבער פון בעסערע צייטן טראכט ער שוין נישט, ער האט זיך אויך איינגעשריבן אין קהילת שלעפער.

## ר' יודל איז אויפגעראכטן געווארן פון איין מינוט צום צווייטן. ער איז געפארן קיין שווייץ אפצונעמען זיין ירושה.

קומט ר' יודל אן צו א גרויסע שיינע שול, היינט וועט ער דא צאמקלייבן נדבות צו קענען קויפן עפעס עסן אויף די היינטיגע טאג, קומט ער אן צו דער גרויסער ראש ישיבה אין אנטווערפן, הרב חיים קרייזווירט זי"ע (בילד אינטן ביי זיין הכתרה אין אנטווערפן). הרב קרייזווירט נעמט אים אויף בסבר פנים יפות, און געבט אים א פרעג זיין נאמען. אזוי ווי ר' יודל אנטפלעקט זיין אידענטיטעט ווערט הרב קרייזווירט שטארק איבערגענומען, ער פרעגט אים "ביי וועמען זענט איר א זוהן?" און יא די נעמען שטימען, "שוין 20 יאר וואס איך פרוביר אייך צו געפינען", רופט זיך אן הרב קרייזווירט.

הייבט ער אן צו פארציילן: "ביים קריג בין איך געווען נעבן דיין טאטן. אזוי ווי ער האט געזען אז זיינע לעצטע מינוטן דערנענטערן זיך, האט ער מיר איבערגעגעבן זיין סוד, אין איינע פון די גרויסע בענק אין שווייץ האט ער אוועקגעלייגט גאר גרויסע סכומים געלט, דיין טאטע האט מיר אנפארטרויעט מיט די געהיימע קאוד נומבער, וואס מיט דעם קען מען ארויסנעמען די גאנצע עשירות, דיין טאטע האט מיר געבעטן אז אויב וועל איך זוכה זיין צו איבערלעבן זאל איך אויפזוכן איינע פון זיינע קינדער צו איבערגעבן די אינפארמאציע".

הרב חיים קרייזווירט האט מיט זיין



יראת שמים שטארק געהיטן די סוד פאר 20 יאר און נישט צוגערירט צו די געלט. ענדליך האט דער אייבערשטער געהאלפן, ער האט עס געקענט איבערגעבן פאר'ן אמת'ן אייגנטומער. דער ר' יודל איז אויפגעראכטן געווארן פון איין מינוט צום צווייטן. ער איז געפארן קיין שווייץ אפצונעמען זיין ירושה. פון קיין שלעפערס האט ער מער נישט געדענקט, זיין מזל האט אנגעהויבן שיינען, ער איז געווארן א חבר פון קהילת עשירים.

הרב קרייזווירט איז געווארן שטארק איבערגענומען פון די גאנצע מעשה און ער האט געזאגט פאר זיינע תלמידים אז ממש אזוי זעען מיר אויס. פונקט ווי ר' יודל וואס גלייך נאך די מלחמה איז ער שוין געווען א גרויסער עושר אבער ס'איז פשוט געווען באהאלטן, ער איז ארומגעגאנגען צובראכן פון איין שול צום צווייטן פאר א שטיקל ברויט. ווען ער זאל וויסן אז זיין וואנדערן פון דא צו דארט, איז נאר א ציל צו אנקומען צו די ריכטיגע אינפארמאציע, אט אט באקומט ער די קאוד נומבער און ער קען גיין אפנעמען זיין אמת'ע אייגנטום, וואלט ער געטון די זעלבע זאך נאר מיט א גראדע רוקן און א צופרידענע גלאנץ אין די אויגן, ער ווייסט וואס קומט און ער ווייסט אז זיין ווערד רעכנט זיך אין די מיליאנע ציפערן.

מענטשן קלייבן זיך צאם מצוה'לעך אבער זיי ווייסן נישט. וואס טוט מען שוין אויף? ס'איז טאקע עפעס ווערד? פלוצלינג וועט קומען די טאג ווען דעם אייבערשטנ'ס נאמען וועט ווערן אנטפלעקט פאר די וועלט און דער מענטש וועט געוואויר ווערן אז יא, ער איז דער עושר.

אבער וויאזוי קען מרת שלעפער אנהייבן ציילן אירע מצווה'לעך און ווערן די עושר ווען זי האט נאכנישט געטון קיין זאך פון די היינטיגע ליסט? קיין איין זאך האט זי נאכנישט אנגעהויבן מאכן פסח'דיג. זי זיצט נאך אויפן קאוטש מיט די וויינענדיגע בעיבי אין די הענט און די צוויי יעריגע קריכט ערגעץ צווישן די רוקן פון די קאוטש און די מאמעס טיכל, די מח הייבט שוין אן צו ווערן צוקוועטשט. וואו קען זי אנכאפן עפעס א מצוה וואס זי קלייבט זיך פאר יענע וועלט?

טייערע אידישע מאמע...

די ערשטע זאך בשעת דו זיצסט נאך מיט א פינאטבאדערדיגע skirt, טויש דיין נאמען צו מרת עושר. נאך פאר דו האסט אריינגעטשעקט די מצוה'לעך פון דיין היינטיגע 'טו דו ליסט' מעגסטו ווערן א חלק פון די קהילת עשירים.

מאך דיין רוקן גראד לייג אריין א באהאלטענע, צופרידענע גלאנץ אין דיינע אויגעלעך. אויב איז מעגליך צו כאפן א קורצע שפאציר מיט די קינדער אויף די פרישע לופט איז נאך בעסער.

איך ווייס נישט אויב האסט שוין אמאל געזען א עושר גיין שפאצירן. אויב נישט קען איך דיר עס מסביר זיין וויאזוי מ'טוט עס, מ'גייט מיט אזעלכע לאנגזאמע טריט, מ'קוקט אויפן הימל און מ'לאזט זיך שפירן 'בשבילי נברא העולם' אלעס איז באשאפן געווארן פאר מיר, מ'אטעמט אזא לאנגע רואיגע אטעם, און ווי נישט ווי, כאפט מען ארויס א ווארט צום אייבערשטן.

איין מאל דו ביזסט fully in it - דו ביזסט שוין געהעריג א חלק פון קהילת עשירים וועסטו שוין צוביסלעך טרעפן אין דיר מטבעות וואס דו קענסט רעכענען פאר מצוה'לעך אוועקצולייגן אויף יענע וועלט. די אלע קליינע זאכן וואס דו טראכסט נישט צו קענען רעכענען וועט דער אייבערשטער רעכענען. אויב דו דארפסט נאך ווייטער לויפן פון די אויסגעגאסענע סיריעל באקס צו די איבערגערינענע וואנע טוה עס נישט אלץ די אלטע מרת שלעפער נאר אלץ די נייע מרת עושר וואס ווייסט אז עפעס ווארט איר אפ אין די אפגעהיטענע שווייצע בענק!



# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגע רבי האט געזאגט: "וועגן א תאווה'לע פון א פערטל שעה קען א מענטש פארלירן די וועלט און יענע וועלט"

## ברסלב'ע חידות

**ר' נתן האט געזאגט: אויף פסח וועט זיין אבער וואו נעמט מען**

א. די הכנה פאר פסח
ב. די הוצאות פאר פסח
ג. דעם פסח אליין
ד. די שמחה פון פסח

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

צדיקים האבן געזאגט: "עס לוינט זיך אראפצוקומען אויף די וועלט און עס זאל איבערגיין וואס גייט איבער, אבי זוכה זיין צו הערן די מגילה

## געב א שמייכל

**וועלכע זאך האט נישט קיין נאז און ס'קען שמעקן?**

[illegible]

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק שני

**טו. עַל יְדֵי אֱמוּנָה נִתְיַשֵּׁב הַדַּעַת.**

דוּרְךְ אֱמוּנָה בַּאקוּמְט מֶען יִשּׁוּב הַדַּעַת, אַ קְלָארֶע אוּן רוּאִיגֶע מֹחַ.



# קינדער היים



צדיקים האלטן זיך קליין - יארצייט פון די וואך

דעם זיידנ'ס לעקציע
דער מלמד דערציילט

א בארעמטע באבע
היימיש

# היימיש

א
מעשה'לע
פונדערהיים
פארן
קינדערהיים

## א באַרעגטע באבע

חנה'לע האט זיך ארומגעקוקט מיט פארגעניגן. די הערליכע אויסגעלייגטע סוועטערס זענען געזעסן ווי סאלדאטן אויסגע'שורה'ט אויף זייער פלאץ. זיי זענען געווען מסודר לויט די קאלירן און מאס. אפילו די סוועטערס האבן מורא פון חנה'לע. אבער נישט נאר די סוועטערס. אויך אירע שוועסטערס האבן זייער מורא פון איר. און אויך זיי פאלגן איר ווי סאלדאטן. זיי ציטערן פון חנה'לע, בעסער געזאגט פון חנה'לע'ס געשריי.

און אויב וועלן זיי זיך דערוואגן איר צו זאגן א ווארט, קומען דאפעלטע געשרייען. און אזוי מיט געשרייען און קולות האט זיך חנה'לע באקוועם געמאכט אויפ'ן טראן אלס די 'עלטסטע שוועסטער'.

עס איז געווען אינטערעסאנט אז נאר אינדערהיים איז חנה'לע געווען אזוי. אין סקול איז זי געווען די גרויסע בעלת מידות וועלכע האט יעדן מקרב געווען. אירע לערערינס האבן איר אלעמאל געלויבט. די מאמע פלעגט אהיימקומען פון פי. טי. עי. מיט גאר גוטע גריסן, צו דער אומצופרידנהייט פון אירע שוועסטערס. "זאלן דיינע לערערינס איינמאל קומען אהער און צוזען דעם אמת," פלעגן זיי קריצן מיט די ציין. אבער די לערערינס זענען נישט געקומען און חנה'לע האט זייער גוט געשפילט דעם שפיל. קיינער אויסער אירע געשוויסטער האבן נישט געוואוסט דעם סוד.

"מאמי, מיר קענען נישט מער!" פלעגן זיך די שוועסטערס אפרעדן ווען חנה'לע האט נישט געהערט. די מאמע פלעגט זיי אנקוקן מיט א פאר'צער'טע בליק און געבן א זיפץ.

אויך זי פלעגט פיל ליידן פון חנה'לע'ס כעס אויסברוכן און עס האט איר זייער געווייטאגט. ווען די חבר'טעס פלעגן רופן, פלעגט זי רעדן מיט זיי אין א רואיגע געלאסענע טאן, און א מינוט דערויף זענען געגאנגען אזעלכע קולות אויף איר שוועסטער, אז די ווענט האבן זיך געקענט שפאלטן. די מאמע האט פרובירט מיט גוטנס און מיט בייזנס אפצושטעלן די געשרייען, אבער עס האט נישט געהאלפן; עס איז נאר געווארן ערגער.

יעצט, אין די פארנומענע ערב פסח טעג, איז עס נאר געווארן ערגער! חנה'לע האט אריינגעברענגט אין שטוב אזא אנגעצויגנקייט, אז מען האט עס געקענט טאפן מיט די הענט. די מאמע האט נישט געוואוסט וויאזוי זיך אן עצה צו געבן. יעדע בקשה איז געווארן א מלחמה, און אויב האט מען חלילה געזאגט אנדערש ווי איר, האט געפלאצט א באמבע. די שטוב איז פארוואנדלט געווארן אין א מלחמה צושטאנד, וואו חנה'לע איז דער אפיציר און אלע זענען פאלגזאמע סאלדאטן וואס שלאגן זיך פאר זייער לעבן.

דער איינציגער וואס די גאנצע עסק האט נישט געשטערט איז געווען חנה'לע אליין. זי האט נישט געזען וואס דער חסרון



**"מאמי, מיר קענען נישט מער!" פלעגן זיך די שוועסטערס אפרעדן ווען חנה'לע האט נישט געהערט. די מאמע פלעגט זיי אנקוקן מיט א פאר'צער'טע בליק און געבן א זיפץ.**

פון זיך רעגן כסדר איז. "יעדער טוט וואס איך וויל און איך האב אלעמאל אלעס," האט זי גע'טענה'ט ביי איינע פון אירע שמועסן מיט דער מאמע.

"אבער קיינער האט דאס נישט ליב. מיט דער צייט פארלירט מען חברותא און מען בלייבט אליין," האט איר די מאמע געזאגט.

"עס גייט מיר נישט אן," האט חנה'לע געענטפערט מיט חוצפה. און אזוי פלעגן זיך שליסן די שמועסן. חנה'לע האט זיך געהאלטן ביי איר דעה אז דאס איז די גוטע וועג.

מען האט איינגעזען אז נאר תפילה וועט העלפן לעזן דעם פראבלעם, די מאמע האט געזאגט פאר די געשוויסטער אז זיי זאלן יעדן טאג בעטן דעם אייבערשטן איין תפילה זי זאל זיך אויסארבעטן אירע שלעכטע מידות.

אין אן ערב פסח טאג האט די מאמע אויפגעוועקט חנה'לע פרי. חנה'לע האט קוים געעפנט די אויגן און זיך שוין געוואלט ארויסלאזן א געשריי פארוואס מען וועקט איר אויף. די מאמע האט איר אבער אויסגעכאפט און איר געזאגט אז היינט האט זי א סורפרייז. מומע פריידי גייט אפט צום מושב זקנים דערפרייען די אלטע און היינט קען זי נישט גיין. זי האט דעריבער געבעטן די מאמע אויב חנה'לע קען גיין.

חנה'לע האט זיך געפריידט. דאס וועטער איז געווען הערליך און די אונטערנעמונג האט אויסגעזען אינטערעסאנט. זי האט זיך פלינק אנגעטון און געמאכט די בעט. זי האט שנעל געדאווענט און געגעסן פרישטאג און זיך געגרייט ארויסצולאזן אין וועג. "וואס דארף איך דארט טון?" האט זי געפרעגט מיט אן אומבאהאלטענעם פרייד.

"מען דארף זיי פשוט אויפלעבן! זינגען פאר זיי, דערציילן מעשיות. זיי זענען איינזאמע פרויען און מען דארף אביסל פארטרייבן די עלנדקייט פון זיי," האט די מאמע געזאגט.

חנה'לע האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג. די פייגלעך האבן געזונגען פון די ביימער און א קילע פרילינג ווינט האט זיך צובלאזן. זי האט שטארקער פארמאכט איר



# היימיש

סוועטער און פארשנעלערט אירע טריט. ביז געציילטע מינוטן איז זי אנגעקומען צו דער געביידע. זי האט איינגעאטעמט די לופט און מיט א געהויבענע פלייצע איז זי אריין אין דער געביידע. 'אזא מצוה!' האט זי געטראכט אין געדאנק.

"וועמען זוכסטו?" האט איר די קראנקן-שוועסטער געפרעגט.

"אה... איך זוך קיינעם... איך מיין יעדן!" זי האט זיך צולאכט. "איך בין פשוט געקומען דערפרייען די אלטע אביסל."

עס האט זיך דערקענט שעצונג אין די אויגן פון דער קראנקע-שוועסטער. "אזוי שיין פון דיר. דו ביסט ספעציעל!" האט זי איר קאמפלימענטירט.

חנה'לע האט זיך שטארק געפרייט דאס צו הערן. 'א שאד אז מיינע שוועסטערס הערן דאס נישט. זיי זענען אלעמאל פארנומען מיר צו קלאפן און זאגן אז איך האב נישט קיין מדות טובות. קוק וויאזוי מען שעצט מיר. יא, איך בין ספעציעל. זעט אויס אז זיי האבן א פראבלעם!' האט זי זיך מחזק געווען אין געדאנק.

חנה'לע איז ארויף צום צווייטן שטאק וואו די פרויען זענען געווען. "א גוטן!" האט זי זיי באגריסט אין אן אויפגעהייטערטער שטימע.

"העלא!" האבן זיי איר צוריקגעגריסט. "ווער ביסטו?" האבן זיי זיך געוואונדערט.

"פריידי איז מיין מומע. זי האט היינט נישט געקענט קומען און דערפאר האט זי מיר געשיקט. איך האף אז איך וועל זיין א גוטע שטעל-פארטרעטערין." זי האט געשמייכלט צו די פרויען.

"א גלאטן צינגל האסטו זיכער," האט איין פרוי זיך אנגערופן. "איך מיין אז דו וועסט מאכן א גוטן דזשאב! זאג נאר, וואס האסטו געלערנט אין סקול פאר פסח?"

חנה'לע האט זיך ארומגעקוקט. 'א לערערין?' האט זי געטראכט מיט שפאט. אבער זי האט זיך שנעל געכאפט אז זי איז דא זיי צו משמח זיין, און זי האט זיי דעריבער פארציילט וואס זי האט געדענקט. די אלטע פרויען האבן זיך איינגעהערט צו איר מיט אינטערעס. חנה'לע האט געלאכט אין געדאנק, 'די לערערין איז זיבעציג יאר יונגער פון אירע תלמידות!'

איין פרוי האט נישט ארויסגעוויזן קיין אינטערעס. זי האט אייגנטלעך ארויסגעוויזן א שטארקע אומגעדולד. "הער שוין אויף צו דרש'ענען!" האט זי געשריגן. חנה'לע האט זיך דערשראקן פון איר געשריי. די אנדערע פרויען האבן איר געווינקען מיט די אויגן, נישט וויסנדיג וואס צו מאכן. חנה'לע איז געווען אביסל באליידיגט, אבער זי האט ווייטער גערעדט.

"דו מיידל, כ'האב דיר שוין געזאגט. זיי שטיל. דו מאכסט מיר קאפ-וויי. און דיין מומע, זי ברענגט מיר אלעמאל עפעס צו טרינקען. איך ווארט אויף א גלאז וואסער."

חנה'לע האט געשלונגען א קנויל אין איר האלז. זי האט זיך אזוי דערשראקן און געפילט באליידיגט פון יענער פרוי. 'וואס האב איך איר שלעכטס געטון?' האט זי



**חנה'לע איז געווען טיף באליידיגט. זי האט נישט געוואוסט וואס יענע פרוי וויל פון איר. אירע טרערן זענען געשטאנען ביים שוועל. זי האט זיך איינגעהאלטן פון וויינען.**

געטראכט ביי זיך. שטיל-שווייגנדיג האט זי איר דערלאנגט א גלאז וואסער. "דאס איז צו פילו!" האט די פרוי געשריגן.

די אנדערע פרויען האבן צוריקגערופן חנה'לען. "זינג אונז עפעס א שיין ליד, חנה'לע," האבן זיי זי געבעטן. חנה'לע האט געהאט א שיינע קול און האט גערן צוגעשטימט דערצו, אבי נישט צו דארפן זיין נעבן יענע פרוי וואס שרייט כסדר. זי האט אנגעהויבן א הארציגע תפילה-ליד און די פרויען האבן געוויינט פון התרגשות בשעת איר הערליכע קול האט אנגעפילט דעם ארום.

יעדער האט אויסטערליש הנאה געהאט, חוץ 'יענע פרוי'. זי האט כסדר געהאט טענות. "שא! דו זינגסט געפערליך," האט זי געשריגן.

"זיי שוין שטיל," האט זי ווייטער פארפירט. "הא... דו מיינסט אז דו זינגסט שיין!"

חנה'לע איז געווען טיף באליידיגט. זי האט נישט געוואוסט וואס יענע פרוי וויל פון איר. אירע טרערן זענען געשטאנען ביים שוועל. זי האט זיך איינגעהאלטן פון וויינען. ענדליך, נאך דער גאנצער כעס-אויסברוך, איז יענע פרוי געווארן אויסגעמוטשעט און זיך אויפגעשטעלט. מיט שווערע טריט האט זי אראפשפאצירט דעם קארידאר צו דער פארלייכטערונג פון חנה'לע.

ווען די פרוי איז שוין מער נישט דארט געווען, האט זיך חנה'לע אויסגעדרייט צו די איבעריגע פרויען. "וואס האב איך איר שלעכטס געטון?" האט זי געפרעגט מיט אפענעם פארדרוס.

"דו ביסט נישט שולדיג," האט איר אן אלטיטשקע מיט שמייכלדיגע אויגן געזאגט. "דאס איז איר פראבלעם. וויאזוי זאגט די וועלט?"

"אזוי ווי ביי די זיבן, אזוי ביי די זיבעציג!" האט איר א צווייטע פרוי איבערגעהאקט.

די אלטיטשקע האט זיך צוגעבויגן און איר שטיל געזאגט, "עס איז נישט שיין צו רעדן, אבער איך געדענק נאך אז אינדערהיים פלעגט זי זיך אלעמאל רעגן אויף אירע געשוויסטער. אין גאס פלעגט זי אנשטעלן א פריינדליך פנים, אבער צווישן אירע שוועסטער... אוי!" זי האט געמאכט א פנים פון פחד און ציטער.

חנה'לע האט געקענט דעם אויסדרוק. זי האט עס געזען ביי אירע אייגענע שוועסטער.

"מען האט געציטערט פון איר," האט די פרוי ווייטער געזאגט, "און זי פלעגט זיך האלטן ביי אירס. אירע שוועסטער פלעגן שימפן און קריצן מיט די ציין, אבער זי פלעגט אויספירן אירס. היינט," זעצט די אלטע פרוי פאר, "קען זי שוין נישט באהאלטן אירע מדות און יעדער זעט עס. נעבעך! קיינער וויל נישט זיין מיט איר און איבער אלעמען איז זי גערעגט אויף זיך אליינס! זי האט נישט הנאה פון איר לעבן!"

חנה'לע האט אראפגעקוקט אויף דער ערד. זי האט זיך געפילט זייער אומבאקוועם. די דרשה האט איר פערזענליך באריהרט.

"דו דארפסט זיך נישט נעמען אזוי צום הארצן, מיידעלע," האט די פרוי איר מחזק געווען. אבער חנה'לע האט געוואוסט אז זי דארף עס יא נעמען צום הארצן און אויך צום ארבעט... אויב זי וויל נישט אויסזען אזוי.

חנה'לע האט זיך געזעגנט פון די פרויען מיט א פריינטליכע "א גוטע נאכט" און זיך געיאגט אהיימצוגיין צוריק צו דער ארבעט. צו עבודת המדות און אויסצורייניגן דאס חמץ פון הארץ!

זי האט געוואוסט אז זי קומט צו מיט א נייע החלטה צום פסח. אן החלטה פון 'פרייהייט'. א באשלוס און א פעסטע קבלה צו בעטן יעדן טאג דעם אייבערשטן אז זי זאל האבן א הארץ ריין פון חמץ, ריין פון גאוה, נאר א "לב בשר" א ברסלב'ע הארץ, א ווייעכע הארץ.

זי וועט זיך באפרייען פון איר יצר הרע און אזוי וועט זי זיך דער'פריי'ען!

# שרייב טישל

הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן צו זען א בילד פון **ר׳ חיים קנייבסקי זי״ע**





בילד פון פארגאנגענע וואך: **דער הייליגער מנחת אלעזר ממונקאטש זי״ע**

שיק אריין צום קינדערהיים ווי שיין דו האסט געקאלערט דעם פעידזש
און די שענסטע וועלן אריינגיין אין די קומענדיגע בלעטלעך אי"ה



# יאָרצייט פון די וואך

דער הייליגער
## רבי ר' אלימלך
זי"ע

יארצייט:
כ"א אדר

**דעם פאַרגאַנגענעם וואָך דינסטאָג כ"א אֲדָר איז געוועזן די גרויסע יאָרצייט פון דעם גרויסן צַדִּיק דער הייליגער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פון ליזשענסק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.**

די גאַנצע וועלט שטייט אין דעם זְכוּת פון די הייליגע צַדִּיקִים, אָבער די צַדִּיקִים אַליין האַלטן בַּיי זיך אַלעמאָל אַז זיי זענען זייער ווייט פון דעם אייבערשטן און אַז זיי דאַרפן תְּשׁוּבָה טוהן. אַ צַדִּיק טוט נישט חַס וְשָׁלוֹם קיין עֲבֵירָה אַזוי ווי מיר טראַכטן, זיי טוען חַס וְשָׁלוֹם נישט ווי קיין אַנדערן איד אַדער אַנדערע עֲבֵירוֹת, אָבער אויב אַ צַדִּיק טראַכט נישט איין מִינוּט פון דעם אייבערשטן, טוט ער שוין תְּשׁוּבָה אויף דעם.

דער הייליגער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ איז געווען אַ גרויסער עָנָיו, ער האָט זיך געהאַלטן זייער קליין. איינמאָל האָט ער געטראָפן אָן איד עֶרֶב שַׁבָּת, בִּשְׁעַת ער איז אַרויסגעקומען פון מִקְוֶה. דער איד איז דעמאָלטס אָנגעקומען די ערשטע מאָל קיין ליזשענסק.

דער צַדִּיק האָט אָנגעהויבן שמועסן מיט דעם איד און אויסגעפרעגט פון וואו ער קומט און פאַרוואס ער איז דאָ.

דער איד האָט אים דערציילט (ער האָט נישט געוואוסט אַז ער רעדט צו דעם צַדִּיק רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ) אַז ער קומט פון אונגאַרן און ער איז געקומען אויף שַׁבָּת צו זיין מיט דעם הייליגן צַדִּיק דער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ, ווייל ער האָט שוין געהערט ביז זיין שטאָט אַז דאָ אין ליזשענסק איז דאָ אַ גרויסער הייליגער צַדִּיק רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ.

דער הייליגער צַדִּיק, וועלכער האָט זיך געהאַלטן אַזוי קליין, האָט זיך אָנגערופן, "וואָס?! ביז אונגאַרן איז אָנגעקומען די ליגנט צו אייך? אַזאַ פאַלשע וועלט! ביז אַהין רעדט מען זיך איין אַז דער אֱלִימֶלֶךְ איז אַ צַדִּיק?" און אַזוי האָט דער הייליגער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ אָנגעהויבן רעדן אויף זיך אַליין.

דער איד איז געוואָרן זייער אויפגעקאָכט וויאַזוי אַ צווייטער איד קען אַזוי רעדן אויף אַ צַדִּיק, און ער האָט אָנגעהויבן שרייען, "דו זינדיגער מענטש! דו מְחוּצָף! וויאַזוי קענסטו אַזוי רעדן אויף אַ צַדִּיק?"

און דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען פון אים.

פרייטאָג צונאַכטס קומט דער איד אַריין צום דאַווענען און ער ווערט זייער דערשראָקן! ער זעט אַז דער מענטש וועמען ער האָט פריער אָנגעשריגן איז נישט קיין צווייטער ווי דער הייליגער צַדִּיק דער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ אַליין. ער האָט זיך זייער געשעמט.

נאָכ'ן דאַווענען האָט אים דער הייליגער צַדִּיק צוגערופן און געזאָגט, "דו דאַרפסט זיך נישט שרעקן. איך האָב געזאָגט דעם אֱמֶת וואָס איך בין און דו האָסט אויך געזאָגט דעם אֱמֶת!"

די צַדִּיקִים זענען בֶּאֱמֶת געווען אַזעלכע גרויסע צַדִּיקִים אַז מיר פאַרשטייען נישט ווי גרויס זיי זענען געווען, און דאָך האָבן זיי זיך געהאַלטן אַזוי קליין.

מיר דאַרפן זיך אָפּלערנען פון די צַדִּיקִים אַז מיר זאָלן אַלעמאָל תְּשׁוּבָה טוהן און בעטן דעם אייבערשטן אַז מיר ווילן זיין ערליכע אידן.

דער הייליגער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ האָט געמאַכט אַסאַך מוֹפְתִים פאַר אידן. אידן פלעגן קומען און אים בעטן בְּרָכוֹת און ער האָט געהאַט די כֹּחַ צו וואונטשן. אויך פלעגט ער אַוועקנעמען גְּזֵירוֹת פון די אידן.

איינמאָל איז דער הייליגער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ געזעסן בַּיים טיש און ער האָט געהאַלטן אינמיטן עסן זופּ. פּלוצלינג האָט ער געגעבן אַ דריי איבער די טעלער און די גאַנצע זופּ האָט זיך אויסגעגאָסן.

נעבן אים איז געזעסן דער הייליגער רֶבִּי מענדעלע מ'רִימִינָאוו זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה. זעענדיג וואָס דער הייליגער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ האָט געטוהן, האָט ער געגעבן אַ שריי, "רֶבִּי! געוואַלד! די פּאָליציי וועט אונז נאָך איינזעצן אין תְּפִיסָה!"

דער הייליגער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ האָט אים בארואיגט און געזאָגט, "זאָרג נישט, מיר זיצן דאָ בַּיים טיש, מיר זענען נישט דאָרט."

וואָס איז געווען די מַעֲשֶׂה דאָ? וואָס האָט רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ געטוהן און פאַרוואָס האָט זיך רֶבִּי מענדעלע געזאָרגט אַז די פּאָליציי וועט זיי לייגן אין תְּפִיסָה?

אין עסטרייך איז געווען אַ שלעכטער קעניג וואָס האָט זיך געגרייט אַרויסצוגעבן אַ גְּזֵירָה אַז מען זאָל פאַרשיקן אַלע אידן פון גאַנץ עסטרייך. דער קעניג האָט שוין געהאַט געשריבן די גְּזֵירָה און מען האָט נאָר געוואַרט עס אונטערצושרייבן.

אִין יֶענֶע צַייטְן הָאט מֶען נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַ פֶּען אַזוֹיוִוי הַיינְט, נָאר מִיט אַ פֶּעדֶער אוּן טִינְט. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק, וֶוען עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט זַיין זוּפּ בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, הָאט גֶעמַאכְט אַז אִין יֶענֶע זֶעלְבֶּע מִינוּט הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דִי טִינְט בַּיים קֶענִיג אִין פַּאלַאץ אוּן דִי גַאנְצֶע גְזֵירָה אִיז גֶעוָוארְן אָנְגֶעגָאסְן מִיט טִינְט אוּן מֶען הָאט עֶס מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט לֵיינֶען.

אַזוֹי אִיז מֶער נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין גְזֵירָה אוֹיף דִי אִידְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדְל מְ'רִימִינָאוו הָאט אַלֶעס מִיטְגֶעהַאלְטְן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אוּן עֶר הָאט פַאר אַ מִינוּט גֶעמֵיינְט אַז זַיין רֶבִּי אִיז טַאקֶע עֶכְט אִין דֶעם פַּאלַאץ פוּן דֶעם קֶענִיג, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אוֹי, רֶבִּי מֶען וֶועט אוּנְז לֵייגְן אִין תְּפִיסָה!"

אַזוֹי פְּלֶעגְט דֶער צַדִיק רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ מַאכְן אַסַאךְ "מוֹפְתִים", כְּדֵי צוּ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן בִּיטֶערֶע גְזֵירוֹת.

...

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַז דֶער הֵיילִיגֶער בְּרוּדֶער פוּן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ, רֶבִּי זוּשָׁא פוּן אַנִיפָּאלִי, הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט זַיין הֵיילִיגְן בְּרוּדֶער, "וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מֶען זָאל זֶען בַּיי דִיר אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים; מֶענְטְשְׁן קוּמֶען פוּן אִיבֶּעראָל נֶעמֶען בְּרָכוֹת, דוּ וואוּנְטְשְׁט זֵיי אָן בְּרָכוֹת פַאר שִׁידוּכִים, פַּרְנָסָה, גֶעזוּנְט אוּן פַאר קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי מַאכְסְטוּ דָאס?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט צְוִוישְׁן מַיינֶע תַּלְמִידִים אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אוּן דוּרְךְ דֶעם פַּאסִירְן דִי גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים".**

דָאס דַארְפְן מִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען; זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, לֶעבְּן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן בְּשָׁלוֹם. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "אַלֶע עֲבוֹדוֹת וָואס מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ הָאט מֶען פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן אִיד - לַאכְט מֶען אִין הִימְל פוּן דֶעם אִיד"; דָאס דַארְפְן מִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען אִין אַזַא הֵיילִיגְן טָאג, זַיין בְּשָׁלוֹם, זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה)

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז וֶוער עֶס קוּמְט צוּ דֶעם הֵיילִיגְן צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁטַארְבְּן מִיט תְּשׁוּבָה. מֶען הָאט דָאס אַמָאל דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן קְדוּשַׁת צִיּוּן פוּן בְּאַבּוּב זצ"ל הי"ד, הָאט עֶר צוּגֶעלֵייגְט "אוּן דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט צֶעטִיל קָטָן (וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ הָאט גֶעמַאכְט) וֶועט לֶעבְּן מִיט תְּשׁוּבָה!"

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.**



# טרעפליך

**טרעף די פאלגענדע בילדער**











געמאלן דורך: **ר. וועבערמאן**



# דער מלמד דערציילט



## דעם זיידנ'ס לעקציע

זייענדיג די עלטסטע פון זעקס געשוויסטער הערט מען אפט מיינע געשוויסטער מיר רופן, "יודל... קום דא. יודל, איך דארף דיין הילף...."

אין אמת'ן וואלט דאס געדארפט זיין מיין פארגעניגן זיי צו העלפן, אבער מיין נאטור איז אנדערש. איך האב נישט קיין געדולד צו זיין פארנומען מיט יענעם. איך פלעג זיך כסדר רעגן, "פארוואס דוקא מיר? פארוואס בין איך די עלטסטע און יעדער דארף מיין הילף כסדר?"

עס פלעגט מיר אויך זייער שטערן ווען מיינע שכנים פלעגן קומען צו מיין הויז און אנרירן איינע פון מיינע זאכן אן פרעגן רשות. אמת, דאס איז טאקע נישט קיין גערעכטע זאך, אבער מיין רעאקציע איז זיכער נישט געווען בארעכטיגט.

אבער אין אמת'ן איז דאס געווען אמאל. היינט בין איך אנדערש. שכח אייבערשטער.

מיין מאמע פלעגט מיר אלעמאל דערמאנען אז איך דארף ארבעטן אויף חסד און בעטן דעם אייבערשטן אויף גוטע מידות. איך האב קיינמאל נישט פארשטאנען פארוואס. איך האב געהאלטן אז איך בין נישט דער פראבלעם. איך האב געהאלטן אז "זיי" האבן א פראבלעם... ביז... לעצטע וואך.

לעצטע וואך בין איך געגאנגען באזוכן מיין זיידע. מיין זיידע איז א איד וואס איז פול מיט שמחת החיים און אהבת ישראל. ווען איך בין דארט געווען, איז פונקט אנגעקומען עפעס א רחמנות'דיגער איד.

מיין זיידע האט אים אויפגענומען מיט אזא שמחה, אז איך האב אנגעהויבן טראכטן אז דער איד איז א רב, אדער אפשר גאר אליהו הנביא פארשטעלט ווי א פשוט'ער מענטש! אבער פון זיינע אויסדרוקן און מאדנע געשרייען האב איך געזען אז ער איז פשוט... פשוט... נעבעך נישט נארמאל. מיין זיידע האט זיך אבער אפגעגעבן מיט אים אזוי געטריי און אים געגעבן צו עסן א גאנצע סעודה, אז איך האב געשטוינט. 'איך' בין נערוועז געווארן פון אים, אבער נישט מיין זיידע!

ווען דער איד איז אוועקגעגאנגען, האב איך געפרעגט מיין זיידע פון וואו ער נעמט אזויפיל אהבת ישראל. מיין זיידע האט געשמייכלט. ער האט מיר געלאדנט זיך צו זעצן נעבן אים און ער האט אנגעהויבן צו דערציילן זיין געשיכטע.

...

איך בין אויפגעוואקסן אין אמעריקע. אין מיינע צייטן זענען נאכנישט געווען צופיל פרומע אידן דא, און זיכער נישט די אלע חסד ארגאניזאציעס ווי היינט.

עס איז געווען אין יאר תרפ"ט (1929 למספרם). דאס איז געווען אין די צייטן פון די 'גרעיט דיפרעשן' דא אין אמעריקע. דאס הייסט אז פיל מענטשן האבן פארלוירן זייערע פרנסות און האבן זיך געטראפן אן א דאלאר אין טאש.

מיר זענען געווען כמעט פון די איינציגסטע 'פארמעגליכע' משפחות. מיין מאמע האט פארמאגט א קליינע שפייז-קראם (גראסערי) אין דעם אונטערשטן חלק פון אונזער דירה.

מיר זענען נישט געווען רייך, בכלל נישט, אבער מיר האבן פארמאגט א דאך איבער'ן קאפ, און דאס האבן אנדערע אויך נישט פארמאגט. אויך האבן מיר געהאט א קליין געשעפט פון וואו מיר האבן זיך דערהאלטןביים לעבן.

אונזער דירה איז באשטאנען פון דריי צימערן. איין צימער פאר די טאטע און מאמע, איין צימער איז געווען דער עס-צימער, די קאך, און אויך מיין שלאף-שטוב. דער אנדערער צימער איז געווען די געשעפט.

מיין מאמע פלעגט שטיין אין אונזער געשעפט יעדן טאג און פארקויפן מילך, אייער, מעל און נאך אזעלכע פראדוקטן.

איין אינדערפרי האבן מיר זיך אויפגעוועקט צו א הערליכן ווייסן שניי. איך האב באטראכט דעם שניי פון מיין פענסטער און עס איז מיר געווארן אביסל אומעטיג צו טראכטן וויאזוי איך וועל אדורכשפרייזן די ניו יארק'ער גאסן אין אזא קעלט אנצוקומען צום חדר.

דאן איז מיין טאטע אריינגעקומען און מיר געזאגט אז צוליב דעם וועטער איז נישטא קיין חדר היינט. דערנאך האט ער מיר געזאגט אז די מאמע איז אויפגעשטאנען מיט פיבער און זי שפירט זיך נישט גוט. דעריבער האט מיר דער טאטע געזאגט אז איך וועל דארפן שטיין אין געשעפט. ער האט זיך שנעל געזעגנט און זיך געיאגט צום בית המדרש.

איך האב זיך ארומגעקוקט אביסל דערשראקן. איך בין דאן געווען קוים עלף יאר אלט און איך האב זיך געוואונדערט וויאזוי איך קען שטיין אין א געשעפט. עס איז אבער נישט געווען קיין צוויי ברירות און איך האב זיך שנעל אנגעטון, געדאווענט און געגעסן אן אפגעקאכטע איי. דערנאך בין איך שנעל אריין אין געשעפט צו זיין גרייט פאר די קונים וואס וועלן אריינקומען.

איך בין געשטאנען אין געשעפט און ארויסגעקוקט דורך דעם פארשנייטן גלאז. איך האב געטראכט צו מיר אז עס וועלן געוויס נישט אריינקומען צופיל מענטשן אין אזא פראסטיגן וועטער.

פארפרוירענע שטיקלעך אייז זענען אראפגעהאנגען פון די שלאק פארנט פון אונזער געשעפט. פון מאל צו מאל האב איך געזען דורכגייער פארבייגיין, איינגעהילט אין מאנטלען, מיט שאלן ארומגעבונדן איבער זייערע פנימער.

פלוצלינג האט זיך דאס גלעקל פון געשעפט צוקלונגען. איך האב זיך אויסגעדרייט און פארשטאנען אז עמיצער איז אריינגעקומען.

"אה, א גוטן, מר. ראבערט," האב איך באגריסט דעם אלטן מאן. "וואס קען איך אייך געבן אין דעם היינטיגן וועטער?"

מר. ראבערט האט אויסגעגליכן זיין געבויגענעם רוקן און געשמייכלט צו מיר פון אונטער זיין היטל.

"אה, איך זע אז דו ביסט שוין אין ביזנעס, בחור'ל. גוט, גוט... זיי אזוי גוט און גיב מיר דריי לעפל קאווע מיט איין גלאז צוקער."

איך האב זיך אויסגעדרייט צו דער שאנק וואו מיין מאמע האט געהאלטן די צוקער מיט די קאווע און עס אים געגעבן. "אכצן סענט," האב איך אים געזאגט.

"גוט," האט מר. ראבערט געענטפערט, "שרייב עס אויפ'ן חשבון."

נאך אפאר פרויען זענען אריינגעקומען. איינע האט געוואלט אייער און איינע ברויט. אבער מער-ווייניגער איז שטיל געווען.

אין יענער תקופה זענען נאך נישט געווען צופיל ערליכע אידן אין ניו יארק, און דערפאר ווען איך האב באמערקט ווי א פרומער איד שטעלט זיך אפ פארנט פון אונזער געשעפט אפאר מינוט שפעטער, האט עס געצויגן מיין אינטערעסע.

איך האב באטראכט דעם איד און געזען ווי ער באטראכט מיר, אבער ער איז נישט אריינגעקומען, נאר ווייטער געגאנגען. נאך אפאר מינוט האב איך אים ווידער געזען. ער איז געשטאנען אפאר מינוט פארנט פון געשעפט, אריינגעקוקט מיט פאר'צער'טע אויגן, און דערנאך איז ער ווייטער געגאנגען.

דאן איז ער געקומען א דריטן מאל. דאס מאל האט ער נישט געקוקט צופיל, נאר ער איז גלייך אריינגעקומען. דער איד האט זיך ארומגעקוקט אויף אלע עסנס פון געשעפט און איך האב געזען אויף זיינע אויגן אז ער איז הונגעריג.

איך האב אים באטראכט. זיין מאנטל איז געווען צוריסן און ער האט נאר געהאט איין הענטשקע. שטיוול האט ער נישט פארמאגט און איך האב באמערקט אז זיינע זאקן זענען נעבעך אדורכגעווייקט.

"אינגעלע," האט ער שטיל געזאגט אין א פליסיגן אידיש, "דיין מאמע איז אפשר דא?"

"מיין מאמע פילט נישט גוט," האב איך געזאגט צום איד, "אפשר קען איך אייך מיט עפעס העלפן?"

דער איד האט געטראכט. אבער דאן האט ער זיך געשטארקט און געזאגט, "אינגעלע, איך האב שוין נישט געגעסן צוויי טעג און דא איז דא פיל עסן. אפשר געבסטו מיר עפעס צו עסן?"

מיין הארץ איז איינגעגאנגען. איך האב אבער נישט געוואוסט וואס צו טון. צי זאל איך אוועקגעבן עסן פון געשעפט ווען מיר אליין האבן נישט אזוי פיל? איך האב זיך געוואקלט, "אפשר קומט איר צוריק אין א האלבע שעה? איך מיין אז די מאמע וועט שוין דא זיין," האב איך ענדליך געזאגט.

דער איד האט גארנישט געענטפערט, נאר מיט געבויגענע פלייצעס, נאך מער ווי פריער, איז ער ארויס פון געשעפט און אריין אינעם שטורעם. איך האב אים נאכגעקוקט מיט מיטלייד. איך האב געקלערט פון זיינע נאסע פיס און הונגעריגן מאגן.

ווען איך האב ענדליך געהערט מיין מאמע'ס פיסטריט בין איך אריינגעלאפן אין איר שטוב.

"מאמע, וויאזוי שפירסטו?" האב איך געפרעגט.

און נאך איידער זי האט געענטפערט, האב איך איר געזאגט: "אַ איד איז דא געווען. ער האט גערעדט אידיש און ער האט געזאגט אז ער איז זייער הונגעריג."

מיין מאמע האט געקוקט צו מיר און מיר געזאגט, "און דו האסט אים אוודאי געגעבן צו עסן, אזוי ווי אַ איד דארף טון?"

איך האב אראפגעלאזט מיינע אויגן. "ניין... מאמע," האב איך שטיל געזאגט, "איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון. איך האב אים געזאגט אז ער זאל צוריקקומען שפעטער."

מיין מאמע האט געעפנט אירע אויגן מיט שרעק. "וואס? דוד'ל? דו האסט אוועקגעשיקט אַ איד אן עסן? אין די קעלט? אזוי... פשוט הונגעריג?"

מיין מאמע האט אראפגעלאזט א טרער, און **איך האב געוואלט אז די ערד זאל זיך עפענען און מיר איינשלינגען צו פארשפארן די בושה פון צו דארפן קוקן מיין מאמע אין פנים.**

"דוד'ל," האט מיין מאמע מיר געזאגט, "אז אַ איד קומט אריין אין א געשעפט פון עסן און זאגט אז ער איז הונגעריג, לאזט מען אים נישט ארויס ליידיג. און יעצט, דוד'ל," האט מיין מאמע געזאגט מיט

# דער מלמד דערציילט



אנטשלאסנקייט, "גיי ברענג אים צוריק."

איך האב אנגעקוקט מיין מאמע און געמיינט אז זי מאכט א וויץ. "מאמע, יעצט? אין דעם וועטער? איך ווייס נישט וואו ער איז."

אבער מיין מאמע איז געווען זייער ערנסט. "הערשט אין דעם וועטער," האט זי געזאגט אנטשלאסן, "עס איז נעבעך דא א הונגעריגער ארימער איד אין גאס. מען מוז אים אהערברענגען. גיי זוך אים אויף."

איך בין ארויין אין שטוב און זיך אנגעטאן ווארעם. איך האב ארויפגעצויגן מיין מאנטל איבער די אויערן, און אנגעטאן מיינע שטיוול, און דאן האב איך אנגעהויבן שפאצירן אראפ עסעקס סטריט.

איך האב זיך געדרייט קודם רעכטס און געזוכט דעם איד. אבער ער איז נישט דארט געווען. איך בין דאן אריבער די גאס און שפאצירט אפאר גאסן די אנדערע וועג. אבער דאס איז אויך געווען אן ערפאלג.

עס האט מיר אנגעהויבן ווערן זייער קאלט און איך האב אויך אנגעהויבן שפירן הונגעריג. עס האט מיר געשמעקט א ווארעמע זופ אין אזא קאלטע וועטער. דאן האב איך געטראכט פון דעם איד. נעבעך, ער מוז דאך זיין אזוי קאלט. מיט די געדאנק בין איך ווייטער געגאנגען און דאס האט מיר געגעבן כח אים ווייטער צו זוכן, טראץ די ביטערע קעלט.

נאך א האלבע שעה זוכן, האב איך שוין געהאלטן ביים אויפגעבן. איך האב אבער מורא געהאט פון דעם אנטוישטן בליק פון מיין מאמע. און דעריבער בין איך ווייטער געגאנגען.

"וואו קען זיך א איד דרייען אין די קעלט? מן הסתם איז ער געגאנגען צום בית המדרש," האב איך געטראכט צו זיך און איך האב געריכטעט מיינע טריט אהין.

איך בין אבער אנטוישט געווארן צו טרעפן דעם בית המדרש פארשפארט. ווייזט אויס אז דער שמש האט דאס נאכנישט געעפנט פאר מנחה. צובראכענערהייט האב איך אנגעהויבן גיין צוריק אהיים.

פלוצלינג האב איך אים באמערקט. נישט אים, נאר זיין מאנטל.

איך האב דערקענט דעם מאנטל. דעם ברוינעם צוריסענעם מאנטל. אבער איך האב אים נישט געזען. מיט ציטערדיגע טריט בין איך געגאנגען נענטער צו דעם מאנטל, און דאן האב איך געזען דעם איד. ער איז געלעגן אויף די טרעפ פון א הויז, איינגעדרייט אזוי אז מען האט נאר געזען זיין מאנטל. איך האב זיך זייער דערשראקן. איך האב מורא געהאט אויב ער איז חלילה טויט.

"ר' איד, ר' איד," האב איך געשריגן צו אים.

דער איד האט זיך אבער נישט גערירט. איך האב זיך צוגעבויגן נענטער און געזען אז ער אטעמט.

"ב"ה," האב איך אויסגעשריגן.

דאן האב איך אנגעהויבן וויינען. "איך בעט אייך, איר מוזט אויפשטיין, קומט מיט מיר, איך וועל אייך געבן עסן און טרינקען. ר' איד, ר' איד."

איך האב זיך איינגעקוקט אין זיין פנים און געזען ווי זיינע אויגן עפענען זיך אויף.

"וואס?" האט ער שוואך געפרעגט.

דאן האב איך זיך דערמאנט אז איך האב געהאט א ציקער'ל אין מיין טאש. איך האב עס ארויסגעשלעפט און אריינגעלייגט אין זיין מויל. דאס ביסל צוקער האט אים געגעבן אביסל כח און ער האט זיך אויפגעזעצט.

צוביסלעך האב איך אים געהאלפן אויפשטיין און מיר האבן אנגעהויבן נעמען א טריט נאך א טריט. יעדע פאר טריט האט ער געקרעכצט און זיך געוואלט אפשטעלן, אבער איך האב אים געשטופט צו גיין נאך אביסל. ענדליך, נאך א קאלטן און שווערן וועג האבן מיר דערגרייכט אונזער געשעפט.

איך האב געעפנט די טיר מיט מיין פיס, ווייל מיינע הענט האבן אונטערגעהאלטן דעם איד.

**"מאמע... מאמע!" האב איך אויסגעשריגן. "ער איז דא.** איך האב אים געטראפן!" איך האב שנעל צוגעשלעפט א בענקל און אראפגעזעצט דעם איד.

מיין מאמע, וועלכע איז געווען פארנומען מיט עטליכע פרויען, האט אלעס אפגעלאזט און איז צוגעלאפן.

"זייט מיר מוחל," האט זי געבעטן דעם איד, און שנעל ארויסגעברענגט ווארעמע זופ פון שטוב. דער איד האט עס שוואכערהייט געגעסן.

פרוי גאטליעב, וועלכע איז דארט געווען, האט זיך אנגערופן, "איך רוף שוין מיין מאן. ער איז א דאקטער," און זי איז ארויסגעלאפן.

אינצווישן האט דער איד אונז דערציילט אז ער איז געקומען פון פוילן פאר צוויי חדשים צוריק. ער האט געהאפט צו



מאכן געלט כדי צו קענען אהערברענגען זיינע קינדער. אבער די מצב הפרנסה אין אמעריקע איז דאן געווען זייער שווער און ער האט נישט געקענט געפינען קיין ארבעט.

ער איז איינגעשטאנען ביי זיין קרוב מיטן נאמען וויינשטאק, אבער וויינשטאק האט אויך נישט געהאט קיין געלט.

פאר צוויי טעג צוריק האט דער בעל הבית פון וויינשטאק'ס דירה אים ארויסגעווארפן. אויך דער איד האט פארשטענדליך געמוזט ארויסגיין.

„און אזוי,” האט דער איד פארענדיגט, „דריי איך זיך שוין צוויי טעג אן א דאך און עסן.”

דער דאקטער איז אנגעקומען. ער האט אונטערזוכט דעם חולה און דאן האט ער אריינגערופן מיין מאמע און געזאגט, „ב"ה, ער וועט זיין געזונט. איך געב אים מעדיצין, וועלכע ער דארף נעמען יעדע צוועלף שעה. ער דארף פיל שלאפן און עסן ווארעמע זאכן. גוד-ביי.” און דערמיט איז ער ארויס.

איך האב זיך צוגעשארט צו מיין מאמע און איר געפרעגט, „מאמע, וואו וועט ער שלאפן און עסן?” מיין מאמע האט געבליקט צו מיר מיט אן אומפארשטענדליכן בליק און מיר געזאגט, „ביי אונז, דוד'ל.

און יעצט געב איבער דיין בעט פאר'ן גאסט און דו וועסט שלאפן אויף דער ערד ביי אונז אין צימער.”

...

דער זיידע האט געעפנט זיינע אויגן און מיר אנגעקוקט. „און דאן, יודעלע, האב איך זיך געלערנט וואס עס מיינט אוועקצוגעבן פאר א צווייטן איד. דער איד איז געווען ביי אונז פאר צוויי חדשים, ביז ער האט ב"ה געטראפן אן ארבעט און האט זיך געשטעלט אויף די פיס. די גאנצע צייט האט מיין מאמע זיך אפגעגעבן מיט אים מיט אזא אהבת ישראל, אז עס ליגט מיר נאך היינט אין די ביינער.”

איך האב אויסגעהערט די מעשה מיט אן אפענעם מויל. און דאן האב איך שוין געדארפט אהיימגיין.

אויפ'ן וועג אהיים האב איך אריינגעטראכט אז מיין מאמע זאגט מיר אלעמאל אז איך דארף טראכטן פון א צווייטן. און דאן האב איך געמאכט א באשלוס צו ארבעטן ליב צו האבן יעדן איד. נישט קיין חילוק אויב דאס איז מיין שוועסטער אדער ברודער, מיינע חברים אין קלאס, אדער סיי וועמען. ווייל אויב מיין זיידע איז געלאפן אין די שניי פאר אן איד, דאן קען איך אויך.

זייט יענעם טאג האב איך זיך אסאך געטוישט. עס איז נישט געשען אין איין טאג, אבער צוביסלעך האב איך זיך אויסגעלערנט צו טראכטן פון א צווייטן, און פון דאן אן האב איך יעדן טאג צוגעלייגט א תפילה צו מיין תפילה ליסט „הייליגער באשעפער העלף איך זאל ליב האבן יעדן אידיש קינד, איך זאל וועלן נאר זיין גוטס”.

אין אנהייב האב איך זיך געשפירט פאלש. עס איז נישט 'איך'. אבער מיט דער צייט האב איך אנגעהויבן אמת'דיג ליב צו האבן מיינע ארומיגע.

מיין מאמע האט מיר לעצטנס געזאגט אז זי זעט א גרויסע טויש אין מיר. דאס איז געווען דער גרעסטער קאמפלימענט פאר מיר, ווייל דאס איז א באווייז אז איך ארבעט טאקע אויף מיינע מדות!

און דאס איז די זיסטע ארבעט אויף דער וועלט.


אברהמי יאקאבאוויטש


אליעזר שלמה שניצלער


אשר לעמל פרידמאן


אסתי לעווי


חי אסתי הײלפרין


דינה יאקאבאוויטש


יצחק אייזיק שעכטער - לונדון


משה מזרחי


מרים פריעדמאן


משפחת ווערטהיימער



נתי און שלמה זוסמאן



סילקי ראטענבערג



רחל זאבעל – מאנסי



פיגא, חי', יהודית ראטה



פייגי וויינבערג



שלום פליישמאן



שלמה יאקאבאוויטש –
העליקאפטער




שלמה מזרחי



שמואל בירנבוים



שלמה יאקאבאוויטש



שרי שטיינבערג און רחל זינגער



רבקה ראבינאוויטש


אליעזר שלמה שניצלער


משפחת לונגער


משפחת סאמעט


משפחת שווארץ קרית יואל


משפחת מזרחי


שמעון לאנדא


נחמן יאקאבאוויטש


נחמן נתן פעקעטע - פליגער


נחמן נתן שניצלער ערשטע סיום תהלים


נתי און שלמה זוסמאן


נחמן ראבינאוויטש


פייגי רוטה